STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01787

DRAY IBERLEBUNGEN

Yehezkel Kornhendler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קאָרנהענדלער

דריי איבערלעבונגען

CH. KORENCHANDLER

TROIS EVENEMENTS

Copyright by Ch. Korenchandler - Paris 1982

יחזקאל קאַרנהענדלער

דריי איבערלעבונגען

פּאַריז

תשמ״ב — 1982

דריי איבערלעבונגען

אַרויסגעגעבן פון מחבר

הילע און צייכענונגען : **דעווי טושינסקי**

פּאָרטרעט פון מחבר : **יאנקל מאַרקיעל**

אַדרעס פון מחבר :

Ch. Korenchandler

36, avenue du Gnéral-Michel-Bizot, 75012 PARIS



פּאָרטרעט פון מחבר : אײלבילד פון יאַנקל מאַרקעל

אַ קניפּ אין באַק

געפינענדיק זיך אין ישראל, אין ירושלים, גייט מען אויך פון צייט צו צייט אַרויף אויפן הר הערצל און אויבן, אין דער הויך, לינקס פון הערצל־קבר, געפינען זיך אַ צאָל קברים פון באַרימטע ציוניסטישע טוער און צווישן זיי, געפינט זיך אויך דאָס קבר פון מנהיג נחום סאָקאָלאָוו, אַ קבר, וואָס יעדעס מאָל, ווען כ׳געפין מיך דערביי וועקט עס אין מיר אויף אַן איבערלעבעניש, וואָס כ׳האָב אַדורכגעמאַכט אין מיין 12 — 13 יעריקער עלטער.

דאָס איז געווען אין מיין היים־שטאָט וואַרשע, אין יאָר 1911 אָדער 1912. איך האָב דאַן פאַרענדיקט דאָס לערנען אין אַ שטאָטישער שול און געטראַכט מכוח אָנהויבן עפּעס טאָן, וואָרם אין דער היים ביי מיינע עלטערן, איז די פּרנסה נישט געווען גענוג גרויס. כ׳האָב געוווסט וועגן דער באַזאָרגטקייט פון טאַטע־מאַמע, האָב איך דאַן, אַ 12 — 13 יאָריק יינגל, באַשלאָסן צו זוכן עפּעס אַן אַרבעט. כ׳האָב געעפנט אַ צייטונג און געלייענט אַ קליינעם 4־5 שורהדיקן אַנאָנס, אַז „מען זוכט אַ יינגל אַלס אַ געהילף״. צו וואָס פאַר אַן אַרבעט איז נישט געווען אָנגעגעבן.

כ׳האָב נישט לאַנג געטראַכט און אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. דאָס איז געווען אַן אַדמיניסטראַציע־ביוראָ פון עפּעס אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך

געפונען אויף אַ צווייטן שטאָק פון אַ לייטיש הויז אין דער וואַרשעווער גאַס נאָוואָליפּיע נומער 6, אָדער אפשר נומער 8.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָב מיך אָפּגערופן אויפן אַנאָנס. מען האָט מיך באַטראַכט, אויסגעפרעגט אַ ריי איינצלהייטן: ווי כ׳הייס, צי כ׳האָב עלטערן, ווו זיי וווינען א. אַנד. פראַגן און לסוף האָט מען מיר דערקלערט:

— מסכים! מיר זענען גרייט דיך צו אָנגאַזשירן צו דער אַרבעט, וועלכע הויבט זיך אָן אין פיר טעג אַרום, ד. ה. דעם נאָענטסטן מאָנטיק. אָבער דו דאַרפסט וויסן — אַז די אַרבעט הויבט זיך אָן אום... פיר פאַרטאָג, קענסטו זיך אונטערנעמען אַזאַ זאַך? דיין אַרבעט וועט דויערן פיר שעה צייט, פון פיר פאַרטאָג ביז אומגעפער אַכט אין דער פרי און דערנאָך וועסטו דאַרפן קומען אום 3 נ. מ. אויף איין שעה צייט, כדי צוגרייטן די אַרבעט פאַר מאָרגן פרי און אַזוי יעדן טאָג, אַ חוץ שבת און זונטיק. קענסטו זיך אונטערנעמען אַזאַ זאַך?

כ׳בין געווען דערשטוינט פון הערן, אַז מען דאַרף אָנהויבן די אַרבעט אַזש אום 4 פאַרטאָג און פאַרגעסן צו פרעגן וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעט. כ׳האָב אַ ווײַלע געטראַכט וועגן דעם, אַז איך וועל, פאַרשטייט זיך, מיך דאַרפן אויפהויבן אַ סך פריער... און ווי אַזוי וועט דאָס מעגלעך זיין? אָבער דער געדאַנק, אַז כ׳וועל אָנהויבן עפּעס טאָן, עפּעס פאַרדינען, אַ ביסל פאַרלייכטערן אין שטוב מיטן אַהיימברענגען אַ פּאָר „גילדן" און אויך אַ נייגיריקייט פון אָנהויבן אַרבעטן ווען אַלע, שלאָפן נאָך, האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט און כ׳האָב

אַקצעפּטירט מיין קומען צו דער אַרבעט אום 4 פאַרטאָג.

זיי זענען געווען צופרידן פון מיין גרייטקייט אָנ־צוהויבן אַן אַרבעט אַזוי פרי, אָבער מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט מיין קומען נאָך אַ מאָל, מאָרגן, פרייטיק, אין ביורא, כדי זיי זאָלן זיין זיכער מיט מיין קומען דעם נאָענטסטן מאָנטיק, צו דער באַשטימטער צייט, אין קעגנ־טייל, וועלן זיי זיין געצווונגען צו אַקצעפּטירן אַן אַנדערן. כ׳האָב צוגעזאָגט צו זיין מאָרגן, פרייטיק, כדי זיי זאָלן זיין זיכער מכוח מיין קומען צו דער צוגעזאָגטער צייט.

ס׳איז נישט לייכט צו דערציילן וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטוב, ווען מיינע עלטערן האָבן זיך פון מיר דערוווסט, מכוח מיין אַקצעפּטירן אַן אַרבעט, וואָס הויבט זיך אָן אום פיר פאַרטאָג.

— דו ווייסט וואָס דאָס הייסט אָנהויבן אַן אַרבעט אַזוי פרי? — האָבן טאַטע־מאַמע געטענהט — דו וועסט זיך דאָן מוזן אויפהויבן כאָטש אַרום דריי אַ זייגער. וועסט איבערוועקן אַלעמען. די גאַנצע שטוב און ווייסטו וואָס דאָס הייסט פאַר אַזאַ קינד ווי דו, אין דיינע יאָרן, זיך צו טראָגן אין מיטן נאַכט איינער אַליין איבער די גאַסן? ביזט משוגע! דו ווייסט וואָס דו האָסט אַקצעפּטירט?

כ׳בין אָבער געווען ביז גאָר פאַראינטערעסירט מיט דער פאָרשטייענדיקער פאַרטאָג־אַרבעט און צופרידן פון אָנהויבן עפּעס פאַרדינען. כ׳האָב מיך געהאַלטן ביי מיין באַשלוס און אויף פאַרשידענע אופנים געזוכט צו באַרו־איקן מיינע עלטערן, כדי זיי זאָלן מיך לאָזן גיין צו דער אַרבעט. „מען וועט זען" וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעט און „אויב עס וועט נישט טויגן, זיין צו שווער", וועל

איך איבערררייסן און אַ סוף מאַכן פון דאַרפן זיך אויפ־הויבן אַזוי פרי און נישט שטערן קיינעם אין מיטן נאַכט.

אויף צו מאָרגנס, בין איך געווען אין ביוראָ באַ־שטעטיקן מיין קומען און דעם נאָענטסטן מאָנטיק בין איך אַרום פיר פאַרטאָג, געווען ביי דער אַרבעט.

וועט איר פרעגן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ באַ־שעפטיקונג?

איז הערט אַ געשיכטע:

אַלס 12 — 13 יאָריק יינגל בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען ווייט פון וויסן וואָס עס טוט זיך אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן־און נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן פון דער מאָלטדיקן צאַרישן פוילן און אויך ווייניק וואָס געוווסט וועגן דער דאַן אָנגייענדיקער מלחמה פון די פּאָליאַקן קעגן יידישן ישוב און נאָך ווייניקער האָט מיר געקענט איינפאַלן צו טראַכטן און וויסן, אַז מיין געפינען דאַן, אין יאָר 1912, עפּעס אַן אַרבעט אַלס געהילפס־יינגל, איז אַ רעזולטאַט פון וויכטיקע געשעענישן וואָס האָבן זיך דאַן אָפּגעשפּילט אין צאַרישן פוילן.

דאַן, אין יאָר 1912, האָט מען אין רוסישן פוילן זיך געגרייט צו וואַלן צו דער צאַרישער „דומאַ", אַזוי האָט געהייסן דער רוסישער פּאַרלאַמענט, וווהין פוילן האָט גע־האָט אַ רעכט צו שיקן נאָר איין און איינציקן דעפּוטאַט. אין יענע טעג, האָבן וואַל־רעכט געהאַט נאָר די גאָר גרויסע שטייער־צאָלער, האַנדל־ און אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען, די דאַן א. נ. „ערשטע גילדע"־צאָלער און די גרויסע מערהייט וואַלבאַרעכטיקטע זענען דאַן, אין צאַרישן פוילן, געווען די יידן און זיי האָבן דעריבער גע־קענט אויך אויסוויילן אַ דעפּוטאַט — אַ ייד.

אָבער די יידן אין צאַרישן פוילן האָבן פאַרשטאַ־נען, דאָס טראָץ זייער איבערוועגנדיקער צאָל שטימען, דאַרפן זיי נישט אַרויסשטעלן קיין יידישע מענטשן אַלס קאַנדידאַט צו דער דומאַ. האָט מען זיך דאַן אָפּגעשטעלט און געאייניקט אויף אַ קאַנדידאַט אַ פּאָליאַק, פאַר וועמען די פוילישע יידן האָבן טאַקע דאַן געשטימט און אים אויך אויסגעוויילט, אַלס דער איינציקער דעפּוטאַט פון רוסישן פוילן: דאָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער פויליש־סאָציאַליסטישער פאַרטיי, די דאַן א. ג. „פּ.פּ.ס.” ער איז אויך געווען אַ גרויסער יידן־פריינט. ער האָט געהייסן יאַגעללאָ.

דער דורכפאַל פון די פוילישע נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע קאַנדידאַטן צו דער דומאַ און דאָס אויסוויילן דערצו נאָך, אַ סאָציאַליסטישן מענטשן, וואָס איז געשען אַ דאַנק די יידישע שטימען, האָט צעפלאַקערט די פוילישע אַנטי־יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן אויסברוך פון אַ שווערן באָיקאָט אויף יידן און יידישע אונטערנעמונגען, אַ באָיקאָט, וואָס איז געגאַנגען אונטערן לאָזונג „סוווי דאָ סוועגאָ” (גיי נאָר צו אייגענע...) און וואָס האָט דאַן שווער רו־אינירט טויזנטער יידן, סוחרים, האַנדלס־אונטערנעמונגען, יידישע געוועלבער, מאַרק־הענדלער א. אז. וו.

און אין יענע טעג, ווען מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די וואַלן אין דער דומאַ און מען האָט אָנגע־הויבן הערן די נעמען פון די פוילישע קאַנדידאַטן אויף געוויילט צו ווערן און צווישן זיי אויך אַ זייער באַרימטער דאַן אַנטיסעמיט, אַ געוויסער ראָמאַן דמאָווסקי, האָבן די יידן פון צאַרישן פוילן, וואָס האָבן ווי שוין דערציילט,

געהאַט די מערהייט שטימען, באַשלאָסן צו שאַפן אַ יידי־
שע צייטונג אין פויליש, וואָס זאָל פירן אַ קאַמף קעגן
די פויליש־אַנטיסעמיטישע קאַנדידאַטן און מאַכן די גע־
העריקע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן קאַנדידאַט פון דער יידישער
זייט און די דאַן געשאַפענע צייטונג האָט געהייסן „פשע־
גלאָנד צאָדזשענני״, וואָס איז דערשינען צוויי מאָל טעג־
לעך, אין דער פרי און נאָכמיטאָג. דאָס איז דאַן בכלל
געווען די ערשטע צייטונג אין פוילן, וואָס איז דערשינען
צוויי מאָל טעגלעך און וועמענס רעדאַקטאָר ס׳איז גע־
ווען אַ זייער אָנגעזעענער סאָציאַליסטיש געשטימטער
פויליש־יידישער זשורנאַליסט סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, וואָס
איז געווען אַן איידעם פון ציוניסטישן מנהיג נחום סאָקאָלאָוו.

און מיין אַרבעט, צו וועלכער כ׳בין געקומען דעם
באַשטימטן מאָנטיק, אום 4 פאַרטאָג, איז באַשטאַנען אין
העלפן צוזאַמען מיט נאָך 2 יונגעלייט, עלטערע פון מיר,
אין דער עקספּעדיציע פון דער דאָזיקער ניי־געשאַפענער
פויליש־יידישער צייטונג „פשעגלאָנד צאָדזשענני״, אַן
אַרבעט, וועלכע כ׳האָב אָנגעהויבן מיטן דערשיינען פון
איר סאַמע ערשטן נומער.

פון די פאַרשידענע רעדערייען, וואָס כ׳האָב מיך
אָנגעהערט ביי דער אַרבעט, סיי אין דער דרוקעריי פון
דער צייטונג און סיי פון אַדמיניסטראַטיוון פּערסאָנאַל
און בכלל פון אַלע רעדערייען, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן
הערן וועגן דער ראָל און אַקטיוויטעט פון „פשעגלאָנד
צאָדזשענני״ האָט מיר אָנגעהויבן קלאָר ווערן, אַז כ׳טו
אַ וויכטיקע אַרבעט אין אַ צייטונג, וואָס פאַרטיידיקט
אונז יידן קעגן אונזערע שונאים און כ׳האָב מיך אַריינגע־
וואָרפן אין דער צייטונגס־עקספּעדיציע מיט אַלע מיינע

כוחות. מיט צופרידנקייט בין איך געלאָפֿן איבער די שלאָ־פנדיקע וואַרשעווער גאַסן צו דער אַרבעט און מיך אַזוי אָנגעהויבן אויסצייכענען ביי די פאַרשידענע ענינים פון דער צייטונגס־עקספּעדיציע, אַז ווען ס׳האָט זיך געענדיקט מיין ערשטער אַרבעטס־חודש, האָט מען פאַר מיר, צו מיין גרויסער איבעראַשונג, אָוועקגעלייגט אַן אַסיגנאַציע פון צען רוסישע רובל.

כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אויגן. וואָרם טראָץ מיין יונגקייט, האָב איך גוט געוווּסט, וואָס מיינט אַ רוסישער רובל און וואָס מען קען אַלץ פאַר אים באַקומען. כ׳האָב טאַקע פון אָנהויב נישט געוווּסט וויפל מען וועט מיר צאָלן פאַר מיין הילפס־אַרבעט, אָבער דערזעענדיק פאַר מיר די אַסיגנאַציע פון צען רובל, האָב איך דערפילט אַז עס האָט געלוינט דער ענין פון לויפן אַזוי פרי צו דער אַרבעט, טראָץ מיין שטערן די נאַכט־רואיקייט פון טאַטע־מאַמע אין דער היים.

באַקומענדיק די צען־רובלדיקע אַסיגנאַציע, בין איך אויפן וועג אַהיים, אַריין אין אייניקע געוועלבער, איבערגעטוישט דאָס פּאַפּירל אויף זילבערנע רובל און אַ היימקומענדיק, האָב איך זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש פאַר וועלכן מיין מוטער האָט זיך גראָד געפונען.

ביז היינט צו טאָג, זע איך נאָך פאַר מיר מיין מוטערס בליקן, וואָס האָבן מיט שטוינונג געקוקט דאָ אויף די פאַר איר אַוועקגעלייגטע צען זילבערנע רובל און דאָ אויף מיר און כ׳הער כסדר איר שטילע, זייער שטילע שטים פרעגן:

— וואָס איז עס פאַרא געלט?

— פאַר מיין אַרבעט, מאַמעשי, פאַר דעם אָפּגע־לאָפענעם חודש!

נישט נאָר האָב איך געאַרבעט מיט אַ סך פלייס און ענערגיע, נאָר טראָץ די צוויי אַביסל עלטערע געהילפן אין דער עקספּעדיציע, בין איך פאַקטיש געוואָרן דער דעצידירנדיקסטער כוח אין דער אַרבעט. איך האָב גע־דענקט פון אויסנווייניק די נומערן פון שטעט און אַלע הויפּט־וועגן און עקספּעדיציע־טראַקטן אַ חוץ פון פוילן, אויך פון גרויסן רוסלאַנד און אויסלאַנד. כ'האָב כסדר געהאַט פאַרשידענע איינפאַלן ווי צו פאַרלייכטערן און פאַרשנעלערן די צייטונגס־עקספּעדיציע און כסדר גע־הערט לויבן אויף מיין חשבון.

אין לאַנד האָט געפלאַקערט דער וואַל־קאַמף צווישן די פוילישע און דעם איינציקן יידישן קאַנדידאַט צו דער „דומאַ”, אָבער געזיגט האָט דער קאַנדידאַט פאַר וועמען עס האָבן מיט פיל ענערגיע געקעמפט די פאַראייני־ניקטע יידישע כוחות און די צייטונג „פשעגלאָד צאָד־זשענני”. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן דער סאָציאַליסט און יידן־פריינט יאַגיעללאָ.

און אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג, איז דער ניי־אויסגע־וויילטער דעפּוטאַט יאַגיעללאָ אַרויפגעבערענגט געוואָרן אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער צייטונג, כדי אויסצודריקן אַלעמען אַ דאַנק פאַר דער אַזוי ענערגישער אַקטיוויטעט בעת די וואַלן. כ'האָב מיך דאַן געפונען אין זייטיקן עקס־פּעדיציע צימער, ווו כ'פלעג קומען, ווי שוין דערציילט, יעדן נאָכמיטאָג, אויף איין שעה צייט, כדי צוגרייטן די מאָרגנדיקע צייטונגס־עקספּעדיציע און פּלוצים איז אין צימער, ווו כ'בין געווען באַשעפטיקט, אַריינגעפאַלן דער

צייטונגס־אַדמיניסטראַטאָר, מיך אַ האַסטיקן נעם געטאָן ביי אַ האַנט און מיט אַ „קום, קום!", מיך אַריינגעפירט אינעם גרויסן זאַל פון דער אַדמיניסטראַציע און מיך אַוועקגעשטעלט פאַר דריי פּערזאָן, די געסט, וואָס זענען דורך אַלעמען געווען אַרומגערינגלט און געזאָגט צו זיי:

— אָט איז ער דער 12־יאָריקער תכשיט, וואָס פירט אָן אויף אַזאַ זעלטענעם אופן מיט דער עקספּעדיציע פון אונזער צייטונג.

*

די דריי געסט פאַר וועלכע מען האָט מיך אַזוי אומגעריכט אַוועקגעשטעלט מיט אַזויפיל לויב, זענען געווען, דער ניי־אויסגעוויילטער דומאַ־דעפּוטאַט יאַגיעללאָ וואָס האָט זיך דאָ געפונען צוזאַמען מיטן שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, וועמען כ'האָב געקענט פון אייניקע מאָל זיין אין רעדאַקציע־לאָקאַל, ווו כ'פלעג פון צייט צו צייט דאַרפן אַרויפקומען און די דריטע פּערזאָן איז געווען דער מנהיג נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען ביז גאָר אַקטיוו ביים שאַפן און אָרגאַניזירן די צייטונג און וועמען כ'האָב גלייך דערקענט, צוליב זיינעם אַ פּאָרטרעט וואָס איז געהאָנגען אין אַן אַדמיניסטראַציע־צימער.

*

די געסט האָבן מיך באַטראַכט מיט א ליבלעכן שמייכל. ווי יעדעס מאָל, האָב איך אויך דאָס מאָל באַקומען פון

רעדאַקטאָר סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ. אַזאַ פֿרייַנטלעכן גלעט האָב איך באַקומען פֿון דעפּוטאַט יאַגיעללאָ און נאָך אַ ווײַלע קוקן אויף מיר מיט אַ ביז גאָר ליבלעכן שמייכל, האָב איך פֿון נחום סאָקאָלאָוון באַ־קומען אַ קניפּ אין באַק.

אַ באַלוינונג וואָס איז מיר טייער ביז היינט צו טאָג.

די אינדיאַנער-רינג

(אַ געשיכטע וועגן אַ מערקווירדיקן גאָלד-מסחר)

כ׳האָב קיינמאָל נישט אָפּגעפּילט קיין וועלכע ס׳איז שוואַכקייט צו גאָלד-צירונג און דאָך בין איך אין חודש אויגוסט 1941, בעת די טראַגישע מלחמה-טעג, געוואָרן אַ באַזיצער פון אַ ביז גאָר שיינער און אָריגינעלער גאָלדענער רינג, וועלכע איך, אַן אָפּגעראַטעוועטער פון יענע שווערע טעג פאַר אַ יידישן מענטשן אין פראַנקרייך, טראָג זי ביז היינט צו טאָג אויף מיין האַנט, אַ רינג וואָס ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט צוליב אַ פּרעכטיק אויסגראַווירטן אינדיאַנער-קאָפּ וואָס טראָגט אויף זיך זיין דריי-פאַרביקע פעדערן-דעקאָראַציע, גרין, געל און רויט.

זייער אָפט פרעגן מיך מענטשן, ווו כ׳האָב מיר איינגעשאַפט די דאָזיקע רינג? אַ רינג וואָס איז אַריינגעקומען אין מיין האַנט אַריין אויף אַ שוין ווייט נישט פּשוטן אופן און כ׳בין מיך מודה, אַז איך גופא טראַכט אָפט און פיל אָפּ אַ שטאַרקן באַדויער פון נישט וויסן גאָרנישט וועגן דעם פריערדיקן באַזיצער פון דער דאָזיקער רינג, וואָס איז ווי שוין געזאָגט, אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופן אַריינגעקומען אין מיינע הענט, אין די מלחמה-טעג 1941.

אוודאי וועל איך די געשיכטע פון דער דאָזיקער

אינדיאַנער־רינג, פון דעם מענטשן וואָס האָט זי פריער געטראָגן, קיינמאָל נישט וויסן, אָבער טראָץ אַלעם איז אויך ביז גאָר אינטערעסאַנט די געשיכטע גופא וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די דאָזיקע רינג זאָל אַריינפאַלן צו מיר און וועלכע כ׳טראָג זי אויף מיין האַנט שוין אַריבער פערציק יאָר.

זאָל זשע דאָ דערציילט ווערן:

*

נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון דער פראַנצויזישער אַר־מיי אין יאָר 1940, בין איך, אַ פרייוויליקער אין דער אַר־מיי, דעמאָביליזירט געוואָרן אין אָנהויב פון חודש סעפּ־טעמבער. כ׳האָב מיך דאַן געפונען אין דער שטאָט טולוז און מיך געקליבן זיך אומצוקערן קיין פּאַריז, ווו ס׳האָבן זיך געפונען מיין פרוי און קינד.

פיל פּאַריזער יידן, אַנטלאָפענע פון באַזעצטן גע־ביט, און וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין טולוז, האָבן מיך אָפּגערעדט פון אומקערן זיך קיין פּאַריז, וואָס איז געווען באַזעצט דורך דער דייטשער אַרמיי.

אָבער די געקומענע בריוו פון יענער זייט פראַנק־רייך האָבן דערציילט, אַז אַלץ איז דאָרט שטיל און רואיק. אַז די דייטשע אַרמיי באַשעפטיקט זיך אַבסאָלוט נישט מיט די יידן. אַז מען פילט נישט קיין שום נאַצישע הער־שאַפט און פון פאַרשידענע זייטן האָט מען אויך אָנגע־הויבן הערן, אַז... „פראַנקרייך איז נישט פוילן" און אַז דאָ „אין פראַנקרייך, קען נישט פאָרקומען דאָס וואָס עס שפּילט זיך אָפּ מיט די יידן אין פוילן."

דאָס וויסן וועגן דער רואיקייט פון וועלכער עס געניסן פּאַרלויפיק די יידן אין באַזעצטן געביט און האָבנ־דיק אין יענער זייט פראַנקרייך מיין פרוי און קינד, האָט מיך באַוואויגן זיך אומצוקערן צוריק קיין פּאַריז, וווהין כ׳בין אָנגעקומען דעם 14־טן סעפּטעמבער 1940.

אָבער צוריקקומענדיק קיין פּאַריז האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן אַ שווערער פּרנסה־פּראָבלעם.

געווען פּרנסה־געביטן וואָס האָבן אין יענע טעג אָנגעהויבן ווערן ביז גאָר אַקטיוו און ברענגען אַלץ גרע־סערע פּראָפיטן, אַ זאַך וואָס האָט זיך גענומען פון דייטש־לאַנד׳ס גרייטן זיך איבערצופאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד און מערערע פּראָפעסיעס אין וועלכע יידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, ווי לעדער, טריקאָ, פוטער א.א. געביטן זענען געווען פאַרוואָרפן מיט פיל פיל אַרבעט און גע־ברענגט גרויסע רווחים, אָבער איך, וואָס האָב ניִשט אָנ־געהערט צו די דאָזיקע דאַן פאַוואָריזירטע פּראָפעסיעס האָב אָנגעהויבן אַדורכמאַכן ביז גאָר שווערע טעג.

אין יענע טעג האָב איך געהאַט אין פּאַריז קרובים וואָס זענען געווען אַקטיוו אין דער גאָלד־פּראָפעסיע אַלס יוועלירן. צוליב דער אָנגייענדיקער דאַן, כסדרדיקער ענט־ווערטונג פון פראַנצויזישן פראַנק, האָבן די דעמאָלטיקע געלט־פאַרדינערס זיך אָנגעהויבן איינשאַפן גאָלד־חפצים און סתם גאָלד, דאָס אַזוי גערופענע שמעלץ־גאָלד, כדי אַזוי אַרום, ראַטעווען זייער פאַרדינט געלט און מיינע קרובים האָבן מיר צוגערעדט, אַז כ׳זאָל מיך אָנהויבן פאַר־נעמען מיטן גאָלד־מסחר. „פאַראַן פיל מענטשן וואָס קע־נען דיך און האָבן צו דיר צוטרוי — האָבן זיי צו מיר גערעדט — פיל פון זיי געהערן זיכער אויך צו די וואָס

קויפן און שאַפן זיך היינט איין גאָלד; זאָג זיי אַז דו וועסט זיי פאַרשאַפן אַלץ וואָס זיי ווילן נאָר האָבן אויף דעם זיי־כערסטן וועג און אופן און וועסט אָנהויבן פאַרדינען, נישט אַדורכמאַכן די שווערע פרנסה־טעג אין וועלכע דו גע־פינסט זיך, מיר וועלן דיר פאַרשאַפן אַלץ וואָס מען וועט ביי דיר בעטן און אויף די סאַמע בעסטע באַדינגונגען — האָבן זיי מיך פאַרזיכערט — „טויג דיך אויס״!

ס׳איז מיר ווייט נישט געווען לייכט זיך צו דעצי־דירן אויף אַזאַ שריט, כ׳זאָל פון אַן אַרבעטער אַריבערגיין צו מסחר, צום גאָלד־מסחר דערצו, נאָר אַז מיין לאַגע האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרערגערן, האָב איך מיך ענדלעך דעצידירט אויף דעם שריט און אָנגעהויבן אינ־פאָרמירן אַלע באַגעגנטע באַקאַנטע מיינע, דאָס אויב זיי ווילן זיך איינשאַפן עפּעס פון די גאָלד־זאַכן, וועלן זיי ביי מיר טרעפן „די בעסטע און רעיעלסטע באַדינגונגען״.

און די זאַך האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. כ׳האָב אפילו ביי אַ ריי באַקאַנטע יידן באַמערקט אַ צופרידנהייט פון קענען זיך איינשאַפן זאַכן פון דעם מין דווקא ביי מיר, אַ מענטשן, וואָס האָט געגאַסן פון פיל פריינדשאַפט און צוטרוי. איינער האָט ביי מיר באַשטעלט פופציק גראַם גאָלד און אַז כ׳האָב עס אים פאַרשאַפט, האָט ער מיר גלייך אָנגעזאָגט, אַז אין אַ חודש אַרום, זאָל איך אים ווידער־אַמאָל ברענגען אַזעלכע פופציק גראַם. איינער האָט ביי מיר געבעטן אים פאַרזאָרגן אַ שווערן און „לייטישן״ גאָל־דענעם זייגער מיט אַ קייט, איינער האָט ביי מיר באַ־שטעלט אַ רינגל פאַר זיין פרוי מיט „אַ קליין בריליאַנטל״ וואָס זאָל אָבער נישט אַריבערגיין „אַזאַ און אַזאַ סומע״ און כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרדינען אויף פרנסה. ס׳איז פאַר־

שווונדן די נויט וואָס כ'האָב געהאַט אַדורכגעמאַכט.

אָבער די געשעענישן זענען נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט; דעם 13־טן מאַי 1941 האָבן מאַסן יידן ביז דער פערציק יאָריקער עלטער, באַקומען פּאָליציי־בריוו צו קומען מאָרגן, דעם 14־טן מאַי, אין פאַרשידענע ביוראָען „כדי אַדורכצופירן אַ באַשטימטע קאָנטראָל" און אויף צו מאָרגנס, האָבן אַלע זיך דערוווסט פון ראַדיאָ און פון די אָוונט־צייטונגען אַז „פינף טויזנט יידן — שפּעקולאַנטן און שוואַרצהענדלער" זענען אינטערנירט געוואָרן אין די דאָן געשאַפענע לאַגערן אין די שטעטלעך פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד און צווישן די יידן אין באַזעצטן פראַנקרייך איז געוואָרן אַ מהומה.

מען האָט מיטאַמאָל דערזען אַז די ביז איצטיקע רואיקייט פאַר יידן און דער גלויבן אַז „פראַנקרייך איז נישט פוילן" איז געווען אַ ביטערע אילוזיע און אַז מען קען און מען דאַרף זיך אָנהויבן ריכטן אויף ווייטערדיקע אַנטי־יידן מעשים.

אַ געוויסע צאָל יידן האָבן נאָך די דאָזיקע פאָרגעקומענע אינטערנירונגען, פאַרלאָזט דעם באַזעצטן געביט, אָבער זייער צאָל איז געווען קליין, וואָרם דאָס אַריבערכאַפּן זיך אין נישט־באַזעצטן פראַנקרייך איז שוין דאַן ווייט נישט געווען לייכט. מען האָט געמוזט אָנקומען צו שמוגלערס און אין פאַל פון געכאַפּט ווערן, איז מען געווען אויסגעשטעלט אויף גרויסע געלט־שטראָפן און אינטערנירונגען. אָבער די וועמען עס איז יאָ געלונגען אַריבערצוקומען אין נישט־באַזעצטן פראַנקרייך, זענען דורך דער פראַנצויזישער פּאָליציי געווען געצוווּנגען זיך צו באַזעצן אין זייער קליינע שטעטלעך, אָן וועלכע ס'איז

רעכט אויף באַשעפּטיקונג און פֿאַרשטייט זיך, אַז די מענטשן האָבן געמוזט באַווייזן אַז זיי זענען באַזיצערס פון גאָר גרויסע געלט־סומעס, וואָס וועט זיי דערלויבן צו לעבן לאַנגע, לאַנגע חדשים אָן דאַרפן זוכן פּרנסה.

די שטימונג צווישן די יידן אין באַזעצטן פראַנקרייך איז געוואָרן ביז אַ גאָר שווערע.

אין אייניקע וואָכן שפּעטער, נאָך דער אינטערנירונג פון אַזוי פיל יידן, איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגעטרייסלט נישט נאָר פראַנקרייך, נאָר אויך די גאַנצע וועלט, דאָס איז געווען דער דייטשער איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 22־סטן יוני פון זעלבן יאָר 1941. ס׳איז געווען א מלחמה־אויסברוך אויף וועלכן מען האָט זיך אין יענע טעג אַמווינציקסטן געריכט.

און דאָ דערנענטערן מיר זיך צו דער געשיכטע וואָס האָט אַ באַשטימטן שייכות מיט מיין אינדיאַנער־רינג.

אָט וואָס איז געשען:

זיבן אָדער אַכט טעג נאָכן דייטשן איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָב איך פלוצים, אַרום צען אָוונט, דערהערט אַן אומגעריכטן קלאַפּ ביי מיר אין טיר, אַ זאַך וואָס האָט מיך אין יענע טעג, באמת איבערגעשראָקן; ווער קען דאָס זיין, וואָס קלאַפּט ביי מיר אין טיר אַזוי שפּעט?

עפענענדיק די טיר, האָב איך צו מיין גרויסער שטוינונג דערזען פאַר מיר אַ לאַנג־באַקאַנטן פּאַריזער ייד, וועמען כ׳האָב מיט קורצע וואָכן צוריק, אויך אינפאָרמירט וועגן מיין פאַרנעמען זיך מיטן גאָלד־מסחר.

דער אַזוי שפּעטער גאַסט וועמען כ׳האָב געקענט

אַלס „חבר זיגמונד״, איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין דער טיר אַ זייער זשענירטער און אַריבערקומענדיק די שוועל פון דער וווינונג, געבעטן אים מוחל זײַן דאָס איבער־שרעקן אונז אַלעמען און מיר אויפגעקלערט, אַז ער דרייט זיך שוין אַרום אין מײַן גאַס אַריבער אַ שעה צײַט, זוכנ־דיק מיך.

— איר האָט מיר מיט אַ קורצער צײַט צוריק גע־געבן אײַער אַדרעס. כ׳האָב געדענקט דעם נאָמען פון דער גאַס און פאַרגעסן דעם נומער פון הויז ווו איר וווינט — האָט ער זיך פאַרענטפערט — און עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז כ׳האָב אָנגעטראָפן אין דרויסן אַ מענטשן וואָס האָט געוווסט מיר אָנצוגעבן דעם נומער פון אײַער וווינונגס־הויז און דערפאַר מײַן אַזוי שפּעט קומען.

כ׳האָב אָפּגעטעמט לײַכטער און אים באַרואיקט:

— ס׳טרעפט, ס׳טרעפט און כ׳פאַרשטיי אײַער פילן זיך געקוועלט, אָבער זײַט רואיק, אַבי חלילה נישט קיין ערגערס.

ס׳האָט געדויערט אַביסל ביז דער שפּעטער גאַסט האָט זיך באַרואיקט און לסוף זיך אָפּגערופן:

— ליבער פרײַנט, כ׳בין געקומען צו אײַך צוליב אײַער מיטטיילן מיר, נישט לאַנג צוריק, אַז איר פאַרנעמט זיך לעצטנס מיט גאָלד־ענינים. איר האָט מיר דאַן גע־זאָגט, דאָס אויב איך וועל מיר וועלן עפּעס אײַנשאַפן פון דעם מין, קען עס געשען בײַ אײַך און דורך אײַך; דערלויבט זשע מיר אײַך פרעגן: ווי איז אויב איך גופא האָב צו פאַרקויפן אַביסל גאָלד, נישט קויפן נאָר פאַר־קויפן — האָט ער מיר אויפגעקלערט — קענט איר עס אויך פאַרקויפן?

— יאָ — האָב איך אַביסל אַ דערשטוינטער מיך אָפּגערופן — וואָס אַ שטייגער ווילט איר פאַרקויפן?

דער אַזוי שפּעט געקומענער גאַסט וואָס האָט ביז איצט געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ קליין פּעקל, פאַרפּאַקט אין אַ צייטונגס־פּאַפּיר, האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש ביי וועלכן מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און עס צעעפנט.

יאָ, מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שיין ביסל גאָלד. אַ געמיש פון פרויען־רינגלעך אָן שטיינער וואָס האָבן זיך אין זיי אַמאָל געפונען, אוירינגלעך, האַלז־ און זייגערקייטן, מענער־רינגען, בראַסלעטלעך און בכלל אויך פאַרשידענע שטיקער און שטיקלעך גאָלד.

נאָכן וואַרפן אַ בליק אויף דער בלישטשנדיקער מאַסע, האָט דער פריינט זיגמונד דאָס אַלץ צוריק פאַרפּאַקט אין דעם פּאַפּיר אין וועלכן ס׳האָט זיך ביז איצט געפונען און אָפּגערופן:

— דאָ, אין דעם פּעקל, געפינט זיך אַ קנאַפּער קילאָ גאָלד, אַ קנאַפּער קילאָ — האָט ער איבערגעחזרט — אָבער געענוי, די וואָג פון דעם גאָלד וואָס געפינט זיך דאָ, וייס איך נישט. וועגן דעם פאַרלאָז איך מיך פולשטענדיק אויף אייך. איר וועט עס האָף איך, מיר קלאָר מאַכן. אָבער דאָס גאָלד וואָס געפינט זיך דאָ, איז אויך אַ געמיש פון פאַרשידענע סאָרטן גאָלד. וועגן דעם פאַרלאָז איך מיך אויך אויף אייך, אָבער איר דאַרפט דאָס אַלץ פאַרקויפן וואָס גיכער; קענט איר מיר דאָס אַלץ דערלעדיקן?

כ׳בין געווען איבערראַשט צו הערן די רייד פון דעם מענטשן. קודם כל האָב איך געשטוינט פון דעם פאַקט גופא, אַז דער דאָזיקער זיגמונד, אַ יידישער אַרבעטס־מענטש וואָס איז געווען, ווי ס׳איז מיר געווען באַוווסט

אַן אַקטיווער קאָמוניסט, זאָל גאָר זיין אַ באַזיצער פון אַזוי פיל גאָלד און דערצו נאָך פון אַזאַ גאָלד־מישעריי, ווי ער האָט עס איצט געזאָגט און מערקווירדיק, ער ווייסט אפילו נישט גענוי די וואָג פון דעם גאָלד וואָס ער פאַר־מאָגט.

— יאָ, פריינט זיגמונד — האָב איך אים פאַרזי־כערט — דאָס קען ווערן דערלעדיקט גיך און אויפן בעסטן אופן, אָבער דאָס אויפקלערן די גענויע וואָג וואָס גע־פינט זיך דאָ, הייסט דאָס אויספּראָבירן און אויססאָרטירן יעדעס שטיקל מעטאַל, דאַרף נעמען צייט און מיר זענען שוין נאָענט צו עלף ביינאַכט. ס׳וואָלט געווען גוט ווען איר קענט עס מיר איבערלאָזן ביז מאָרגן — האָב איך געזאָגט האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט — און עס וואָלט געווען דערלעדיקט, ווי כ׳האָב עס אייך געזאָגט אויפן בעסטן אופן.

— ליבער פריינט — האָט דער שפּעטער גאַסט זיך אָפּגערופן — איך ברענג אייך אַ פּעקל גאָלד אויף וועלכן איך פאַרשטיי מיך אַבסאָלוט נישט; נישט אויף די פאַר־שידענע סאָרטן און אוודאי אויך נישט אויף דעם וואָס עס איז יאָ און וואָס עס איז נישט קיין גאָלד. איך ברענג עס צו אייך, ווייל מיר קענען זיך שוין נישט פון היינט און כ׳האָב צו אייך דעם פולן צוטרוי. איך לאָז עס אייך טאַ־קע איבער; סאָרטירט, פּרובירט אויס דאָס גאָלד. טוט וואָס איר פאַרשטייט און וואָס עס איז נויטיק. איך דאַרף נאָר וויסן ווען אומגעפער, קענט איר מיר באַזאָרגן דאָס געלט? דאָס איז פאַר מיר דער סאַמע עיקר!

כ׳האָב טאַקע געקענט דעם פריינט זיגמונד פון לאַנ־גע יאָרן, געקענט זיין אַקטיוויטעט אַלס קאָמוניסט און

דאַך האָב איך געהאַט אַ געפיל, אַז כ׳פאַרשטיי נישט גע־נוג גוט זיינע רייד און אים איבערגעפרעגט:

— לאָזט איר מיר טאַקע איבער דעם פּאַקעט? איר טרויט אים מיר אָן? כ׳זאָל אַלץ טאָן אַליין, אָן אייער אָנוועזנהייט? אויפקלערן, קלאָר מאַכן די וואָג, די גאָלד־סאָרטן און עס ליקווידירן, פאַרקויפן און ברענגען אייך דאָס געלט אָן אינפאָרמירן אייך פון פריער וועגן אַלעם, וועגן די סאָרטן גאָלד, גענויער וואָג און וועגן דעם קורס, ד. ה. וועגן פרייז פון גאָלד, האָב איך אייך גוט פאַר־שטאַנען?

— יאָ, ליבער פריינד, איר האָט מיך גוט פאַרשטאַ־נען — האָט דער אָוונט־גאַסט אַ שמייכלענדיקער, צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ — טוט וואָס עס איז נויטיק, וועגט, סאָרטירט, פאַרקויפט און ברענגט מיר דאָס געלט. דאָס איז אַלץ וואָס עס איז מיר נויטיק און כ׳וואָלט וועלן, ווי כ׳האָב עס אייך שוין געזאָגט, אַז די זאַך זאָל דערליידיקט ווערן וואָס גיכער. איז ווען גלויבט איר, קען דאָס געשען?

— אויב איר לאָזט עס מיר איבער און גיט מיר פרייע הענט — האָב איך לסוף אים געזאָגט — וועל איך גלייך, נאָך אייער אַוועקגיין, זיך נעמען צו דער זאַך. מיר אַלץ קלאָר מאַכן און איר קענט האָבן דאָס געלט מאָרגן פאַרנאַכט. דאַן וועט איר אויך וויסן גענוי, סיי די וואָג, סיי די סאָרטן גאָלד און אויך דעם גענויען פרייז פאַרן גאָלד, מסכים?

— מסכים, מסכים — האָט דער אָוונט־גאַסט אַ צו־פרידענער אויסגערופן — איז ווו און ווען טרעפן מיר זיך?

כ׳האָב אַ ווײלע נאָכגעטראַכט.

און נאָכן האָבן אָפּגעשטימט אונזער טרעפן זיך מאָרגן, 5 פאַרנאַכט אין אַ באַקאַנטער פּאַריזער קאַפע אויף די גרויסע בולוואַרן, איז דער גאַסט אַוועק, לאָזנדיק מיר דאָס פּעקל גאָלד.

נאָך זיין פאַרלאָזן די וווינונג, האָב איך אויף דאָס ניי געעפנט דעם פּאַקעט און מיך אָנגעהויבן געניער באַקוקן און קאָנטראָלירן זיין אינהאַלט.

ס׳איז געווען אַ מאָדנע גאָלד־מאַסע; אַ געמיש פון 18־נער, 14־נער, 8־טער און אפילו אויך 6 פּראָצענטיק גאָלד, אַזאַ שוואַכע גאָלד־באַזע טרעפט מען זייער זעלטן אָן און שטאַמט פון אָרעמע לענדער. וואָס עס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שטוינונג איז געווען דאָס, וואָס אַ צאָל פּרויען־צירונג איז בכלל נישט געווען קיין גאָלד. איז וויאַזוי זענען זיי אַריינגענומען געוואָרן אין דער גאָלד־מאַסע? ביי וועמען האָט עס דער נאַאיווער זיגמונד דאָס זיך איינגעשאַפט, אָן צו וויסן אַז מען נאַרט אים אָפּ? — האָב איך מיך געפרעגט.

דאָס אויספּרובירן און אויסס‍אָרטירן יעדעס שטיקל מעטאַל האָט געדויערט ביז 2 ביינאַכט. אויף צו מאָרגנס בין איך געווען ביי מיינע קרובים וואָס האָבן מיט שטוינונג צוגענומען פון מיר דאָס גאָלד, מיר געגעבן דאָס געלט און אום 5 פאַרנאַכט בין איך געווען אין דער אָפּגעשטימטער קאַפע, וווּ דער פריינד זיגמונד האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט.

כ׳האָב אים געגעבן אַ צעטל אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגערעכנט די וואָג פון יעדן סאָרט גאָלד, אים אומגעקערט די נישט גאָלדענע חפצים, אים אינפאָרמירט

וועגן פרייז פון יעדן סאָרט גאָלד און געבנדיק אים דאָס געלט, אים געזאָגט:

— מיין ליבער, דאָס געלט וואָס איך גיב אייך איצט, איז דאָס וואָס איך האָב באַקומען, אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט מיין אַרבעט און פאַרמיטלונג, וואָלט איך געוואָלט פון אייך באַקומען 2 פראָצענט פון דער סומע און כ׳גלויב אַז איך טו אייך חלילה נישט קיין עוולה.

צו מיין גרויסער שטוינונג האָט דער פריינד זיג־מונד נישט אַרויסגעוויזן קיין וועלכע ס׳איז אומצופרידנ־הייט אויף דעם אומקערן אים אַריבער הונדערט גראַם געגילדעטן מעטאַל, גלייך ווי ער וואָלט פון פריער שוין געוווסט אַז נישט אַלץ אין דעם פעקל איז גאָלד און געבנ־דיק מיר דאָס פאַרלאַנגטע געלט פאַר דער דורך מיר אַדורכגעפירטער אָפּעראַציע, מיר געזאָגט:

— מיין ליבער, קענענדיק אייך שוין אַזוי פיל יאָר האָב איך פון דער ערשטער רגע אָן נישט געצווייפלט אין אייער ערלעכקייט. כ׳בין זיך אייך מודה אַז כ׳בין צופרידן פון דעם דערליידיקטן, אָבער, אָבער... כ׳האָב מיט מיר נאָך אַזאַ פעקל גאָלד — און דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויפגעעפנט זיין לעדערנע האַנט־טאַש וועלכע ער האָט געהאַט נעבן זיך און אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַ פיין פאַרפּאַקטן פּאַקעט, מיר אים דערלאַנגט און מיר אויפגעע־קלערט אַז — דאָ, אין דעם פעקל געפינט זיך אומגעפער אויך אַזאַ צאָל גאָלד ווי אין נעכטיקן פעקל וואָס איז, ווי איר וועט עס זען, אין זעלבן כמעט צוזאַמענשטעל — און ווידעראַמאָל געבעטן עס צו ליקווידירן וואָס גיכער.

כ׳האָב געפילט אַ גרויסע שטוינונג, ווידער אַמאָל אַזאַ פּאַקעט גאָלד? און ווידעראַמאָל אָן צו וויסן די גע־

נויע וואָג? און אויך אַזאַ מאָדנע געמיש און מסתמא אויך אַ צאָל געגילדעטע מעטאַל? ווו האָט עס זיך דער מענטש איינגעשאַפט אַזאַ סאָרט גאָלד? ווו האָט ער דאָס גענו־מען און זאָל עס טאַקע אויך זיין זיין אייגן גאָלד? — האָב איך מיך געפרעגט אין האַרצן — ווער קויפט זיך עס איין גאָלד אויף אַזאַ אופן? ס׳וואָלט מיר אויך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַז דער שטילער, אַזוי באַ־שיידענער פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישער זיגמונד, זאָל זיין אַ בעל בית פון קרוב 2 קילאָ גאָלד.

— ווו האָט איר זיך איינגעשאַפט אַזאַ מאָדנע סאָרט גאָלד? — האָב איך קעגן מיין ווילן, אים אַ פרעג געטאָן.

— ס׳איז אַ געשיכטע וואָס כ׳וועל אייך דערציילן ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט — האָט ער מיר געזאָגט — וואָס מיך אינטערעסירט איצט און וואָס איז מיר זייער וויכטיק איז דאָס וויסן ווען קען דער פּאַקעט ווערן רע־אַליזירט? כ׳נויטיק מיך איצט — האָט ער מיר אויפגעע־קלערט — אין געלט און ס׳איז זייער אייליק! — האָט ער צוגעגעבן.

— מאָרגן — האָב איך מיך אָפּגערופן — כ׳וועל עס נאָך היינט אַדורכקוקן, אין אָרדענונג ברענגען און אויב איר זענט מסכים, קענען מיר זיך מאָרגן ווידער טרעפן דאָ, אין דער זעלבער קאַפע, אום 5 אָוונט, אַזוי ווי היינט.

מיט איין וואָרט, כ׳האָב מיך געפונען פאַר אַ מערק־ווירדיקע געשיכטע וואָס האָט מיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער געשפּאַנט, ווארום נאָכן האָבן ליקווידירט דעם צווייטן פּאַקעט גאָלד, איז נאָכגעקומען אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער, אַ זעקסטער פּאַקעט א. א. וו...

ער פלעגט מיר ברענגען פיר־פינף גאָלד־פּאַקעטן

אַ וואָך און אַלץ פון זעלבן זשאַנער, אָן צו וויסן די גע־
נויע וואָג, שטענדיק אַ געמיש פון פאַרשידענע סאָרטן און
יעדעס מאָל פלעג איך דאָרט אויך געפינען אַ צאָל גע־
גילדעט מעטאַל און אין איינעם פון די דאָזיקע פעקלעך
האָט זיך געפונען די אינדיאַנער־רינג וועלכע כ׳טראָג אויף

מיין האַנט און וואָס איז מיר אַזוי געפעלן, טראָץ מיין
נישט אָפּפילן קיין וועלכע ס׳איז שוואַכקייט צו צירונג,
האָב איך די רינג אָפּגעקויפט פאַר מיר און וועלכע כ׳האָב
אויף אַ נסימדיקן אופן, טראָץ מיין געפינען זיך שפּעטער
אינטערנירט אין לאַגערן, קאָנסערווירט ביז היינט צו טאָג.

אָבער אין די זעלבע טעג פון מיין אָנגיין מיטן גאָלד־מסחר און אויך פון ליקווידירן רעגלמעסיק, די מערק־ווירדיקע 4—5 גאָלד־פּעקלעך אַ וואָך, וועלכע דער פריינט זיגמונד פלעגט כסדר ברענגען אויף צו פאַרקויפן, זענען פאַרשטייט זיך, די אַנטי־יידישע געשעענישן נישט גע־שטאַנען אויף קיין אָרט. ס׳איז נאָכגעקומען אַ ריזיקער פּאָליציייאישער איבערפאַל אויף די יידן פון פּאַריזער עלפטן אַראָנדיסמענט. דאָס מאָל זענען אַרעסטירט גע־וואָרן הונדערטער און הונדערטער יידן אָן אונטערשיד פון עלטער און זיי זענען געהאַלטן געוואָרן אין ביז גאָר שווע־רע הונגער־באַדינגונגען אין אַ ווייטערדיקן פריש־געשאַ־פענעם אינטערנירונגס־לאַגער אין דער פּאַריזער פאָר־שטאָט דראַנסי. עס זענען אויך נאָכגעקומען פיל באַגרע־נעצונגען און פיל יידן און איך צווישן זיי, האָבן אָנגע־הויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן דעם באַזעצטן געביט. ביז נישט לאַנג צוריק האָב איך נישט געקענט טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך, ווייל ווי כ׳האָב עס שוין דערציילט, האָט מען אַריבער־קומענדיק אין נישט־באַזעצטן געביט, נישט געהאַט קיין שום רעכט אויף וועלכער ס׳איז באַשעפטיקונג און מען האָט געמוזט באַווייזן אַז מען איז א באַזיצער פון אַ גרוי־סער געלט־סומע וואָס וועט דערלויבן צו לעבן לאַנגע, לאַנגע חדשים פון גרייטן, אָבער מיט מיין אַריבערגיין צום גאָלד־מסחר און גאָר ספּעציעל פון מיין אָנהויבן ליקווידירן די גאָלד־פּעקלעך פון פריינד זיגמונד, בין איך געוואָרן אַ באַזיצער פון אַ גרויסער געלט־סומע און דאַן, מיטן פאַרערגערן זיך פון מצב פאַר יידן אין באַזעצטן געביט, האָב איך באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו מיינע גאָלדענע געשעפטן און רעאַליזירן דאָס אַריבערכאַפּן זיך

מיט ווייב און קינד אויף דער אַנדערער זייט, אינעם נישט באַזעצטן פראַנקרייך און אין אַ געוויסן טאָג, ווען כ׳האָב אַ זאָג געטאָן דעם פריינד זיגמונד אַז איך רייס איבער מיין פרנסה, דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1941, האָט ער אַ ביז גאָר אַנגעווייטיקטער, אויסגעשריגן:

— וואָס הייסט איר רייסט איבער די אַרבעט? איר ווייסט וואָס איר גייט טאָן? פאַראַן נאָך אַזויפיל צו טאָן, ווי פאַלט עס אייך איין אַזאַ זאַך?

יאָ, דאָס ליקווידירן די מערקווירדיקע גאָלד־פּעקלעך וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן סוף יוני 1940, איז נאָך קרוב פיר חדשים מסחר, כסדר אָנגעגאַנגען אָן דעם כ׳זאָל עפּעס וויסן, ס׳זאָל מיר עפּעס קלאָר ווערן ווער עס איז דער בעל בית פון די דאָזיקע גאָלד־פּעקלעך, ווער עס איז דער פאַרקויפער פון אַזוי פיל גאָלד, וואָס איז אין יענע טעג, אויסגעטוישט געוואָרן אויף די פראַנצויזישע פּאַפּירענע פראַנקן.

זעענדיק די צערודערטקייט פון פריינד זיגמונד, האָב איך אים באַרואיקט, אַז ער וועט פאַרלירנדיק מיך, גאָרנישט פאַרלירן, אַז כ׳וועל אים פאַרבינדן מיט אַ זייער ערלעכן מענטשן, וועמען „איר קענט אָנפאַרטרויען די גאָלד־פּעקלעך פּונקט ווי איר האָט זיי אָנגעטרויט מיר״ און אין די לעצטע טעג פון חודש אָקטאָבער האָב איך פאַרלאָזט פּאַריז, אַריבערגעקומען בשלום אין דעם נישט באַזעצטן פראַנקרייך און מיך איינגעאָרדנט אין אַ קליין שטעטל לעקטור, ווו כ׳האָב מיך אויפגעהאַלטן אַ קנאַפּ יאָר צייט, ביז דער גאַנג פון די געשעענישן אין נישט־באַזעצטן פראַנקרייך האָט לסוף דערפירט דערצו כ׳זאָל מיך פּרובירן אַריבערכאַפּן אין דער שווייץ, אָן אונטער־

נעמונג וואָס איז אַדורכגעפאַלן און דערפירט צו מיין אינ־טערנירט ווערן אין פאַרשידענע לאַגערן און לסוף אויך צו לעבן אין באַהעלטעניש ביז צום פאַרטרייבן די דייטשע אַרמייען פון פראַנקרייך און מיין צוריקקומען קיין פאַריז אין חודש אָקטאָבער 1944.

און אין צוויי־דריי וואָכן שפּעטער, האָב איך צו מיין גרויסער איבערראַשונג אָנגעטראָפן אויף אַ פאַריזער גאַס דעם פריינד זיגמונד.

ס׳איז שווער צו דערציילן אונזער ביידנס פרייד פון דערזען זיך, לעבעדיקע, אָפּגעראַטעוועטע פון די טראַגישע געשעענישן, וואָס מיר, יידן, האָבן דאַן, אין יענע יאָרן, געהאַט אויסצושטיין און אַדורכצומאַכן.

מיר זענען אַריין אין אַ נאָענטער קאַפע און ביי אַ גלעזל טיי, זיך קעגנזייטיק דערציילט, אויף וויפל ס׳איז דאַן מעגלעך געווען, די אַדורכגעמאַכטע יאָרן פון נאַצישער פאַרפאָלגונג און דאַן, שמועסנדיק, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— איז אפשר טייערער, וועט איר מיר איצט זאָגן, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דאָס גאָלד וואָס איר האָט עס געהאַט אַזוי פיל אויף צו ליקווידירן? ווער איז עס געווען דער פאַרקויפער און צוליב וואָס פאַראַ ציל?

דער פריינד זיגמונד האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט אַ שמייכלענדיקער און לסוף דערציילט:

— איר געדענקט דאָך זיכער די געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין שפּאַניע, אָנהויבנדיק פון יאָר 1936 ביז מערץ 1939, ווען דער גענעראַל פראַנקאָ האָט מיט דער הילף פון היטלערן, אָנגעהויבן זיין קאַמף קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק? דאַן זענען קיין שפּאַניע

געקומען טויזנטער פרייוויליקע סאָציאַליסטיש און קאָ־מוניסטיש געשטימטע מענטשן פון גאָר דער וועלט און זיך געשטעלט צום קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע איבער־פאַלער אויף דער שפּאַנישער רעפּובליק, קעגן דעם רע־זשים פון גענעראַל פראַנקאָ און זיין שותף היטלער.

דאָן זענען קיין שפּאַניע אויך געקומען אייניקע טויזנט קאָמוניסטן פון פראַנקרייך וואָס האָבן פאָרמירט אַ גרויסן גוט אָרגאַניזירטן קעמפערישן עלעמענט, וואָס האָט אַ גע־וויסע צייט, מיט דער צושטימונג פון דער שפּאַניש־רע־פּובליקאַנישער רעגירונג, געבאַלעבאַטעוועט איבער אַ ריי שטחים אין לאַנד, יאָ, געבאַלעבאַטעוועט אין פולן זין פון וואָרט, געזאָרגט פאַר דער אָרדענונג און דער עיקר . . קאָנטראָלירט די באַפעלקערונג, זוכנדיק אויסצוגעפינען די אינערלעכע שונאים, די רעאַקציאָנערע פראַנקיסטישע כוחות אין לאַנד און אין יענע טעג פון מלחמה און ביר־גער־קריג, זענען פאַרגעקומען אַ מאַסע אַרעסטן פון פאַר־דעכטיקטע אין אָנגעהערן צום פראַנקיסטיש־היטלעריס־טישן לאַגער.

— און טאַקע דאָס גאָלד — האָט דער פריינד זיג־מונד פאָרגעזעצט — וואָס איז אַדורכגעגאַנגען דורך איי־ערע הענט און אויך שפּעטער, נאָך אייער אָפּפאָרן, דורך די הענט פון דעם דורך אייך רעקאָמענדירטן מאַן (ליי־דער איז ער 2 חדשים שפּעטער, אַרעסטירט און דעפּאָר־טירט געוואָרן מיט ווייב און קינדער) האָט געשטאַמט פון יענע אַרעסטירטע, שולדיקע אָדער נאָר פאַרדעכטיקטע אין עפּעס, פון וועמען מען האָט גלייך ביים אַרעסטירן זיי, אָפּגענומען זייער געלט און די גאָלד־חפצים, וואָס זיי האָבן אויף זיך געטראָגן.

— און נאָכן נצחון פון די פראַנקיסטישע עלעמענטן — האָט דער פריינד זיגמונד פאַרגעזעצט זיין דערציילן — זענען די לינקיסטיש־קאָמוניסטישע כוחות וואָס זענען אין יענע מלחמה־טעג געקומען קיין שפּאַניע העלפן דער רע־פּובליק, געווען געצוואונגען זיך צוריקצוציען צו די פראַנ־צויזישע גרענעצן, מיטפירנדיק מיט זיך דאָס גאַנצע אָנ־געזאַמלטע „קאָנפיסקירטע" גאָלד, אַ מאַסע, וואָס איז גע־לעגן באַהאַלטן אין פראַנקרייך און געוואַרט אויף אַ טאָג, אויף אַ באַשטימטער שעה ווען מען זאָל זיך אין דעם גאָלד נויטיקן און דאָס איז טאַקע געשען סוף חודש יוני 1941, ווען די דייטשע אַרמיי איז איבערגעפאַלן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד. אין יענע טעג איז די פראַנצויזיש־קאָמוניס־טישע פּאַרטיי גלייך צוגעטרעטן אָרגאַניזירן אַ ווידער־שטאַנד־כוח קעגן דער דייטשער אַרמיי אין פראַנקרייך, אַ זאַך וואָס האָט געפאָדערט אַ סך, אַ סך געלט און מען איז צוגעטרעטן ליקווידירן דעם גאָלד־אוצר וועלכן מען האָט געבראַכט פון שפּאַניע און עס האָט זיך געשטעלט אַ דעליקאַטע פראַגע פון ווי אַזוי אים ליקווידירן? אַ זאַך וועגן וואָס כ׳בין אינפאָרמירט געוואָרן אויף אַן אומדי־רעקטן אופן. כ׳האָב מיך גלייך דערמאַנט אין אייער מיט־טיילן מיר, מיט קורצע וואָכן פריער, אַז איר פאַרנעמט זיך לעצטנס מיטן גאָלד־מסחר און כ׳האָב פאָרגעשלאָגן מיין הילף, רעקאָמענדירנדיק אייך אַלס אַ מענטשן פון גרויסן צוטרוי און אַזוי איז געמאַכט געוואָרן די פּרובע מיטן ערשטן פעקל גאָלד, אָן אונזער אייגענעם וויסן וועגן דער געגויער וואָג, געגויעם סאָרט פון גאָלד א. א. וו.

די חברים זענען געווען ביז גאָר צופרידן פון דער ערשטער פּרובע און ס׳איז אַוועק דער מסחר, וואָס האָט

דערמעגלעכט דאָס אָנהויבן אָרגאַניזירן ווידערשטאַנד־גרופּן איבערן לאַנד קעגן דייטשן מיליטער אין פראַנק־רייך, אָט דאָס איז דער סוד מכוח דער אָפּשטאַמונג פון די מערקווירדיקע פּעקלעך גאָלד וועלכע כ׳האָב אַ״יך כסדר געבערענגט. כ׳ווייס נישט — האָט דער פריינד זיגמונד צוגעגעבן — כ׳ווייס נישט און כ׳האָב נישט געקענט, נישט די באַדינגונגען און אויך נישט די מענטשן ביי וועמען ס׳איז בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג, צוגענומען געוואָרן דאָס גאָלד און צי זענען דערביי נישט פאָרגעקומען קיין וועלכע ס׳איז עוולות קעגן אומשולדיקע, מעגלעך אַז יאָ, אָבער וואָס איך ווייס יאָ, איז, אַז דאָס דאָזיקע גאָלד איז פאַרווענדעט געוואָרן צו אַ הייליקן ציל, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער קאַמף קעגן די היטלער־כוחות.

דער פריינד זיגמונד איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, מיך באַטראַכט, כדי זען דעם איינדרוק פון דעם מיר ענדלעך אויסדערציילטן סוד און מיט אַ שמייכל צו־געגעבן:

— וואָס כ׳ווייס יאָ, פון זען מיט מיינע אייגענע אויגן און אויך פון אייערע אייגענע רייד איז, אַז איר גופא האָט אויך פּראָפיטירט פון ענין... איינשאַפנדיק זיך די דאָזיקע אינדיאַנער־רינג, וועלכע כ׳זע איך ווײַ־טער טראָגן אויף אייער האַנט...

כ׳האָב געפילט, אַז זיינע רייד רופן אַרויס, אָבער אויף אַ רגע נאָר, דאָס רויטלען זיך פון מיין פּנים. כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם זיך ענדלעך דערוווסטן סוד, מכוח דער אָפּשטאַמונג פון דעם פאַרקויפטן גאָלד און מיך אויך דערמאָנט, וועגן דעם שוין אייניקע מאָל געהערטן, אַז בעתן גאַנג פון בירגער־קריג אין שפּאַניען, זענען פאַר־

געקומען ווייט נישט קיין הומאַנע געשעענישן, וועגן פאַר־
געקומענע ביז גאָר ברוטאַלע האַנדלונגען און אָפּגעטועגע
עוולות פון די קאָמוניסטישע מיליטער־כוחות אין באַצוג
צו די אַרעסטירטע און כלומרשט פאַרדעכטיקטע אין
פראַנקיזם.

כ׳האָב אויך געטראַכט וועגן דעם יאָר 1939, ווען
פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן דערקלערט מלחמה דעם
נאַצישן דייטשלאַנד, צוליבן איבערפאַל אויף פוילן, דאַן
זענען די פראַנצויזישע קאָמוניסטן געשטאַנען פון דער־
ווייטנס... האָט דאָך דאָס נאַצי־דייטשלאַנד נאָר וואָס
געהאַט דאַן געשלאָסן אַ טומלדיקן אָפּמאַך מיטן ראַטנ־
פאַרבאַנד. אַלע האָבן מיר דאָך געזען די אַזוי טומלדיקע
צייטונגס־פאָטאָגראַפיע וואָס האָט געוויזן, ווי אַזוי דער
קאָמוניסט מאָלאָטאָוו דריקט די האַנט פון נאַצי ריבענטראָפּ.
כ׳האָב אויך געטראַכט וועגן יאָר 1940, ווען פראַנקרייך
איז געוואָרן באַזיגט און אָקופּירט דורך דער דייטשער
אַרמיי, האָבן די פראַנצויזישע קאָמוניסטן אויך גאָרנישט
געטאָן קעגן די נאַצישע זיגער. די פראַנצויזישע קאָמו־
ניסטן האָבן אָנגעהויבן נוצן דאָס דורך זיי, אויף קיין ווייט
נישט עטישן אופן צוגענומענעם גאָלד פון שפּאַניען ערשט
דאַן, ווען דייטשלאַנד איז באַפאַלן דעם ראַטנפאַרבאַנד.

פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, דאָס איז שוין אַן אַנדערער
ענין...

נאָך מיין פאַרלאָזן פאַריז און אַריבערקומען אין נישט
באַזעצטן געביט, האָב איך, דאַן אַ ליידיק־גייער, וואָס האָב
געלעבט פון גרייטן, דער עיקר פון די איינקונפטן פון
די מערקווירדיקע פעקלעך גאָלד, פון צייט צו צייט, אויך
געטראַכט וועגן דעם געוועזענעם בעל בית פון דער איב־

דיאַנער־רינג, וואָס כ׳האָב כסדר געטראָגן אויף מיין האַנט און מיך געפרעגט: „ווער איז עס געווען דער באַזיצער פון דער רינג און ביי וואָס פאַראַ באַדינגונגען האָט ער זיך מיט איר געשיידט?״...

דערוויסנדיק זיך דעם פולן אמת וועגן דער טרוי־עריקער אָפּשטאַמונג פון דעם דורך די פראַנצויזישע קאָ־מוניסטן געבראַכטן גאָלד פון שפּאַניע, וואָס איז אָבער לסוף, פאַרוועדעט געוואָרן אויף באַקעמפן די היטלערישע כוחות, האָב איך טראָץ אַלעם, אָפּגעפילט אַ גרויסע צו־פרידנהייט און סאַטיספאַקציע, פון האָבן בעת מיין װאַלד־מסחר, ווי אויך אין אַנדערע פאַלן, געהאַט די זכיה צו־צולייגן מיין האַנט, אויף צו העלפן באַקעמפן די היטלער־כוחות.

דאָס ליקווידירן אַ פראַנצויזישן נאַצי

זינט דער פראַנצויזישער קאַפּיטולאַציע און דייטשער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך וואָס איז פאָרגעקומען אין יולי 1940, האָט מען אין לאַנד, צוליב מאַנגל אין בענזין, אָנגעהויבן אַליץ מער זיך צו באַנוצן מיט וועלאָסיפּעדן און דאַן האָב איך מיך אויסגעלערנט זיך צו באַנוצן מיטן דאָזיקן מכשיר און ס׳זענען מיר פאַרבליבן אַ ריי זכרונות, פּערזענלעכע איבערלעבענישן, בעת וועלכע דאָס צוויי־רעדלדיקע געצייג האָט דאַן געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע.

נאָך די אַדורכגעמאַכטע מלחמה־יאָרן 1939—1945, האָב איך אַ געוויסן טאָג אָנגעהויבן שרייבן און דערציילן די דאָזיקע וועלאָסיפּעד־איבערלעבענישן בעת יענע טראַגישע טעג, אָבער צוקומענדיק צו אַ געוויסע געשעעניש וואָס כ׳האָב געהאַט אַדורכגעמאַכט אין די סאַמע ערשטע וואָכן פון יאָר 1944, האָט מיר אויסגעפעלט מוט... זי צו דערציילן, אַרויסצוברענגען עס אויפן פּאַפּיר און די איבערלעבעניש וועגן וועלכער עס האָבן געוווּסט נאָר איינציקע, גאָר נאָענטע מענטשן, איז פאַרבליבן נישט אויסדערציילט. ס׳איז געווען אַ געשעעניש וועגן וועלכער כ׳דערצייל ערשט איצט, נאָכן אָפּלויפן פון אַזוי פיל צענדליקער יאָרן און וואָס כ׳טו, אָבער שוין ווייט נישט מיט קיין לייכט האַרץ.

דאָס אָנהויבן אין חודש מאַי 1941 צו אַרעסטירן יידן אין דעם דורך די נאַציס אָקופּירטן פּאַריז, האָט מיך ווי פיל פיל אַנדערע יידן באַוויגן זיך צו פּרובירן ראַטעווען, דורכן אַריבערקריגן זיך אין דעם דאַן א. ג. „פרייען", נישט אָקופּירטן ווישי־פראַנקרייך און כ'בין צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד, נאָכן אַרויסקריגן זיך פון אָקופּירטן געביט, פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ קליין שטעטעלע לעק־טור, וואָס ליגט נישט ווייט פון די פּירענעיען־בערג. ס'איז געווען אַ שטיל אָרט וועלכעס מיר האָבן חדשים שפּעטער, מיטן אָנהויבן זיך פון די יידן־אַרעסטן אויך אין א. ג. ווישי־פראַנקרייך, פּרובירט פאַרלאָזן, כדי זיך אַריבער־צוקריגן אין דער שווייץ; אַן אונטערנעמונג וואָס איז נאָך פיל אָנשטרענגונגען אַדורכגעפאַלן און דאַן האָב איך אַ־דורכגעמאַכט שווערע חדשים, אַ יאָר צייט אין די אינ־טערנירונגס־לאַגערן פון ריווסאַלט (אין די פּירענעיען) און דערנאָך אין אַ לאַגער ביי אַ שטעטל פּי ל'עוועק, פון וואַ־נען ס'איז מיר אין חודש אָקטאָבער 1943, אויף אַ זעל־טענעם אופן, געלונגען „באַפרייט" צו ווערן און ווערן אָפּגעשיקט צוריק אין שטעטעלע לעקטור, כדי כלומרשט צו אַרבעטן ביי אַ דאָרטיקן פּויער.

ווייסנדיק וועגן די כסדרדיקע געפאַרן וועלכע דראָען יעדן יידישן מענטשן, צו קענען יעדן טאָג אַרעסטירט און אינטערנירט ווערן, אפילו אויף פאַר אַן... „אַרויסגע־לאָזטן" פון אַ לאַגער „אויף אַרבעט"... האָב איך מיך אויסגעהיט פון אויפהאַלטן זיך אין דער וווינונג ווו ס'איז געווען מיין אָפיציעלער אַדרעס און מיך אויך באַמיט וואָס ווייניקער זיך צו ווייזן איבער די געסלעך פון שטעטל, אָנ־

האַלטנדיק, שוין ווייט נישט קיין לייכטע פאַרבינדונגען מיט געציילטע פאַרבאַהאַלטענע יידן אין שטעטל און אויך מיט אייניקע שטעטלדיקע, ביז גאָר סימפּאַטישע פראַנצויזישע מענטשן, מיט וועמען כ׳האָב געהאַט איינגעשטעלט, נאָך פון די ערשטע טעג פון מיין קומען אין לעקטור, (אין נאָוועמבער 1941,) ביז גאָר פריינטלעכע באַציאונגען און גאָר ספּע־ציעל, מיט די צוויי ברידער דאַנזאַס, וואָס דער עלטערער איז געווען דער אייגנטימער פון איינציקן שטעטלדיקן האָ־טעל אין וועלכן כ׳בין איינגעשטאַנען אין די ערשטע וואָכן פון מיין קומען אַהין און זיין ברודער, וואָס איז ביי אים געווען באַשעפטיקט און אויך אַ דריטע פּערזאָן, דאָס איז געווען דער פראַנצויז סעגאַן, אַן אייגנטימער פון אַ קליין וועלאָ־געשעפטל, מיט וועמען כ׳האָב זיך באַקענט און זייער דערנענטערט, צוליב מיין אויסלערנען זיך דאָן, טאַקע אין דאָזיקן שטעטל, דאָס באַנוצן זיך מיטן צוויי־רעדלדיקן מכשיר און אויב איך דערמאָן דאָ נאָר די דריי פראַנצוי־זישע מענטשן פון שטעטל, מיט וועמען כ׳בין געווען באַ־פריינדעט, טו איך עס דערפאַר, ווייל די ברידער דאַנזאַס און דער בעל בית פון וועלאָסיפּעדן־געשעפטל, מיסיע סעגאַן, האָבן געשפּילט די דעצידירנדיקע ראָלע אינעם געשעענעם וועגן וועלכן ס׳וועט דאָ דערציילט ווערן.

דאָ איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַנ־צויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן די דייטשן, וואָס האָט פּאַקטיש אָנגעהויבן אַרויסצווייזן ברייטערע סימנים פון אַקטיוויטעט ערשט אין די שפּעטערדיקע חדשים פון יאָר 1942 — נאָכן ענגליש־אַמעריקאַנער דעסאַנט אין די פראַנצויזיש־אַפריקאַנער קאָלאָניעס און נאָך דער דייטשער

מפּלה ביי סטאַלינגראַד. אָבער פריער, בעת מיין קומען און „באַזעצן" זיך סוף 1941 אין שטעטל לעקטור, האָט מען נאָך אין א. ג. ווישי־פראַנקרייך, כמעט נישט גע־הערט פון עפּעס אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אַנדערש איז עס שוין געווען בעת מיין צוריקקומען פון אינטערנירונגס־לאַגער אין אָקטאָבער 1943 קיין לעק־טור, אַלס כלומרשטער ערד־אַרבעטער ביי אַ דאַרטיקן פּויער. אין די דאָזיקע חדשים האָט שוין די פראַנצויזישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע אַקטי־וויטעט און אין אַ טאָג, בעת איינע פון מיינע צונויפטרע־פונגען ביי אַ גלעזל קאַפע, מיט די ברידער דאַנזאַס, האָבן זיי מיר פאַרטרויט אַ סוד, וועגן זייער אייגענער אַקטי־וויטעט אין ווידערשטאַנד און דערביי, האָבן זיי מיר אויך דערציילט, אַז צו דער לעקטורער ווידערשטאַנד־גרופּע גע־הערן איצט אויך די פינף שטעמלדיקע זשאַנדאַרן און ביי דער געלעגנהייט, האָבן די ברידער דאַנזאַס מיר פאָר־געשלאָגן, אַז אויך איך, ווי אַ געוועזענער פריוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און אַלס ייד דערצו, וואָס לייד גאָר ספּעציעל פון די יאַצישע פאַרפאָלגונגען, זאָל איך אויך מיך אָנשליסן אין זייער ווידערשטאַנד־גרופּע.

ס'איז געווען אַן איינלאַדונג וואָס האָט מיך ביז גאָר אויפגערודערט און כ'האָב געוואָלט אויסשרייען, מסכים, מסכים! און דאָך האָב איך געשוויגן, נישט זייענדיק בכוח אַרויסצוברענגען פון זיך קיין וואָרט.

זעענדיק זייער וואונדערן זיך אויף מיין שווייגן, האָב איך נאָך אַ געוויסער אָנשטרענגונג איבער מיר, זיי דער־ציילט, אַז נאָך פאַר מיין קומען, אין אָקטאָבער 1941 קיין לעקטור, בין איך שוין געווען אַקטיוו אין אַ פאַריזער

יידישער ווידערשטאַנד־גרופּע און דאָך, קען איך ליידער נישט אָננעמען די איינלאַדונג, אַ זאַך וואָס איז פאַר מיר, אַ יידישן מענטשן, שוין ווייט נישט פשוט און עס איז אַזוי דערפאַר, וואָס צו דער גרופּע געהערן, ווי איך דערוויס עס מיך איצט, די פינף שטעטלדיקע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן גאָרנישט לאַנג צוריק, אַרעסטירט און אָפּגע־פירט אין לאַגערן אַ צאָל איצט שוין דעפּאָרטירטע יידן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין לעקטור, ווו זיי האָבן געהאָפט אַריבערצוקומען די נאַצי־טעג. אויך איך גופא בין דאָך דורך זיי, דורך די זעלבע זשאַנדאַרן אַרעסטירט און אָפּגעפירט געוואָרן אין אינטערנירונגס־לאַגער פּי ל'עוועק, פון וועלכן כ'האָב מיך מיט געציילטע וואָכן צוריק, אַרויסבאַקומען אויף אַ באמת נסימדיקן אופן און אויב די דאָזיקע זשאַנדאַרן געהערן איצט צו דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, וואונדערט עס מיך אַבסאָלוט נישט; דאָס טוען זיי ווייט נישט צוליב וועלכע ס'איז אַנטי־נאַצישע איבערצייגונגען, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל זיי זעען דאָס, וואָס עס איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, דעם נאָענטן סוף פון היטלערן און פון זיינע ווישי־צוהעלפער און זיי זוכן דורך דער איצטיקער אָנגעהעריקייט צום ווידער־שטאַנד, ראַטעווען זייער פּאָזיציע און "איר ליבע פריינד דאַרפט פאַרשטיין — האָב איך זיי אויפגעקלערט — אַז מיט אָט די לייט וואָס טראָגן די שולד און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר אַ צאָל יידן־אַרעסטן אין לעקטור, קען איך נישט און וועל נישט זיצן "ביי איין טיש" און דערפאַר קען איך ליידער נישט אָנגעהערן צו אייער ווידערשטאַנד־גרופּע".

זיי האָבן פאַרשטאַנען מיין פאַרביטערונגס־געפיל

קעגן די שטעטלדיקע זשאַנדאַרן און באַדויערט מיין נישט אָנשליסן זיך אין זייער ווידערשטאַנדס־גרופּע.

און אַט, אין אַ געוויסן פרימאָרגן פון די געשפּאַנטע מלחמה־טעג, דאָס איז געווען דעם 10־טן אָדער 11־טן מערץ 1944, אַז נויטנדיק זיך אין אַ שרייפל פּאַר מיין וועלאָסיפּעד, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין געשעפטל פון מיסיע סעגאַן, האָט ער, דערזעענדיק מיך, אַ צופרייי־דענער אויסגערופן:

— ס'איז גוט וואָס איך זע אייך!

און באַטראַכטנדיק מיך אַ ווײַלע מיט אַ וואַרעמען אויסדרוק אויף זיין געזיכט, מיר געזאָגט:

— שטעלט אייך פּאָר אַז די ברידער דאַנזאַס און אויך איך, האָבן מיר געהאַט בדעה אייך בעטן אַריינצוכאַפּן זיך היינט, אין האָטעל צו די ברידער, אַרום 4־5 פּאַר־נאַכט — און זעענדיק מיין וואונדערן זיך פון הערן די רייד, האָט ער צוגעגעבן — מיסיע שאַרל — אַזוי האָבן זיי מיך גערופן — מיר דאַרפן אייך נויטיק זען, זייער נויטיק — האָט ער איבערגעחזרט — וועט איר זיך קענען אַרייג־כאַפּן היינט פאַרנאַכט אין האָטעל? — און צוגעגעבן — ס'איז ביז גאָר וויכטיק!

די דאָזיקע מענטשן, די ברידער דאַנזאַס און דער מיסיע סעגאַן זענען מיר געווען זייער ליב און אַביסל אויך פאַראינטריגירט פון די רייד, האָב איך צוגעזאָגט צו זיין אין דער געבעטענער צייט און גלייך, נאָכן איינ־שאַפן זיך דעם נויטיקן וועלאָסיפּעד־טייל, האָב איך פאַר־לאָזט דאָס געשעפטל און אַוועק דורך אַ זייטיק געסל אין מיין נישט־אָפיציעל וווינונגס צימערל, ווו כ'האָב מיך

אויפגעהאַלטן, כדי אויסמיידן די אין יענע טעג, מעג־לעכע סיורפּר־זן פאַר יידן.

אייניקע מינוט פאַר פינף אָוונט, בין איך זו יעדעס מאָל, דורך די הינטער־געסלעך, געקומען צו די ברידער דאַנזאַס אין האָטעל אַריין. זיי האָבן שוין געוווסט פון מיין צוזאָג צו קומען און צופרידענע פון דערזען מיך, האָבן זיי זיך פאַרמאַכט מיט מיר אין אַ קליין זייטיק צי־מערל און נאָכן אַריינברענגען פאַר אונדז הייסע טעפּלעך קאַפע, זאָגט צו מיר דער עלטערער ברודער:

— אוודאי וווּנדערט איר זיך אויף אונדזער וועלן אייך זען און אויך וואָס גיכער; ס׳האַנדלט זיך אין אַ ביז גאָר וויכטיקן און אייליקן ענין צו וועלכן מיר נויטיקן זיך אין דער הילף פון אַ מענטשן און מיר זעען נישט קיין אַנדערן צו ווענדן זיך צו ווענדן ווי צו אייך. ס׳איז אַן ענין וואָס ווער און דאַרף, ווי מיר גלויבן עס שטאַרק, אייך זייער אינטערעסירן.

— אין וואָס האַנדלט עס זיך ? — האָב איך גע־פרעגט.

— ס׳האַנדלט זיך אין אַ זייער ערנסטער אונטער־נעמונג — האָט דער עלטערער ברודער, דער האָטעל־אייגנטימער, נאָך אַ ווײַלע שווייגן און נאָכן וואַרפן אַ בליק צו זיין ברודער, זיך אָפּגערופן — פאַראַן אַן ענין וואָס באַשעפטיקט אונדז שוין אַ געוויסע צייט; דאָס איז די פּערזאָן פון אַ... פּעטעניסטישן פּאָליציי־שעף פון אונ־דזער געגנט, אַ געוויסנלאָזער נאַצי און אויך אַ בייזן אַנ־טיסעמיט, וואָס דינט די דייטשן מיט אַלע זיינע כוחות און אַז אין זיינע לאַפּעס פאַלט אַריין אַ מענטש ווען ער איז בלויז חושד אין אָנגעהערן צו דער ווידערשטאַנד־

באַוועגונג, פּייניקט ער און שלאָגט אים אויף אַ זייער שווערן אופן. אין דער טורמע־שפּיטאָל אין אָש (נאָמען פון דעם פּאַרטאַמענט־שטאָט) ליגן אייניקע דורך אים זייער שווער צעשלאָגענע ווידערשטענדלער און צווישן זיי, אויך צוויי פון אייערע יידישע מענטשן און ס'איז ווייט נישט זיכער צי זיי, שווער צעשלאָגענע, וועלן אויסהאַלטן, בלייבן לעבן. דערפאַר טאַקע האָב איך אייך געזאָגט — האָט ער מיר אויפגעקלערט — אַז די זאַך דאַרף אפשר אייך ספּעציעל אינטערעסירן און מיר דריי, ד. ה. איך, מיין ברודער פּאָל און אונדזער חבר סעגאַן האָבן באַשלאָסן — ער האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, ווידער געוואָרפן אַ בליק אויף זיין ברודער און פאַרגעזעצט — צו... ליקווידירן דעם דאָזיקן נאַצי... יאָ, מיר ווילן אים אויסענדיקן! איר פאַרשטייט? — האָט ער מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין — אָבער כדי צו רעאַליזירן אונדזער פּלאַן, נויטיקן מיר זיך אין דער הילף פון נאָך אַ זיכערן מענטשן און אין דעם פּאַל זייט איר, אויב איר וועט נאָר מסכים זיין, די סאַמע פּאַסיקע פּערזאָן, צו וועמען מיר האָבן דעם פולן צוטרוי און דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן צו בעטן אייער הילף.

ער האָט איבערגעריסן זיין רעדן און ביידע ער און דער יינגערער ברודער זיינער האָבן געקוקט אויף מיר, כדי זען מיין אופן רעאַגירן אויף אַזאַ אומגעריכטער ווענדונג. מכוח העלפן זיי אַדורכפירן אַזאַ שוין ווייט נישט קיין פּשוטן ענין, צו העלפן זיי אין „ליקווידירן" אַ נאַצי און דערצו נאָך, ווען זיי האָבן שוין גוט געוווּסט די סיבה פון מיין אָפּהאַלטן זיך מיטצואַרבעטן מיט זיי, ווי זיי האָבן

עס מיר שוין געהאַט פאַרגעשלאָגן און איך האָב מיך גע־
האַט אָפּגעזאָגט.

— כ׳בין מיך מודה — האָב איך נאָך אַ מאָמענט
שווייגן, זיך אָפּגערופן — אַז ס׳איז אַ ביז גאָר אינטערע־
סאַנטער ענין, וואָס רופט אָבער ביי מיר אַרויס אַ גרויסע
שטוינונג; אוודאי, אַז כ׳הער אַז עס האַנדלט זיך אין ליק־
ווידירן אַ נאַצי־פאַרברעכער, בין איך אינגאַנצן מיט אייך,
אינגאַנצן! אָבער דערלויבט מיר אייך פרעגן: איר זאָגט
אַז דער פּלאַן פון ליקווידירן דעם פראַנצויזישן נאַצי־שעף
קומט נאָר פון אייך, ד. ה. פון... אייך, פון אייער ברו־
דער און פון פריינד סעגאַן; זעט עס מיר אויס מאָדנע,
אַן אונטערנעמונג נאָר פון אייך דריי? און די שטעטל־
דיקע זשאַנדאַרן? ווי קומט עס, וואָס נויטנדיק זיך אין
נאָך איין פּערזאָן, ווענדעט איר זיך וועגן דעם צו מיר?
און וואָס איז מיט די זשאַנדאַרן וועלכע געהערן צו אייער
ווידערשטאַנד־גרופּע? ווי זאָל איך עס פאַרשטיין?

דער האָטעל־אייגנטימער, מיסיע דאַנזאַס האָט דאָס
מאָל געשוויגן אַביסל לענגער און לסוף זיך אָפּגערופן:

ריכטיק, ריכטיק, איר זענט פולשטענדיק גע־
רעכט מיט אייער פרעגן און כ׳וועל עס אייך קלאָר מאַכן:
בעת מיר האָבן אַ געוויסן טאָג אייך פאָרגעשלאָגן זיך
אָנצושליסן אין אונדזער ווידערשטאַנד־גרופּע, האָט איר
אונדז אויפגעקלערט פאַרוואָס איר קענט זיך נישט באַ־
טייליקן אין איר, אַז עס איז אַזוי, ווייל צו דער גרופּע
געהערן אויך די שטעטלדיקע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן אייך
און אַנדערע יידן פון לעקטור אַרעסטירט און טראַנס־
פּאָרטירט אין די אינטערנירונגס־לאַגערן, אַן אָפּזאָג וועלכן
מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען. דאַרפט איר איצט וויסן, אַז

דער דאָזיקער פּלאַן אונדזערער צו ליקווידירן דעם נאַ־
צישן פּאָליציי־שעף, קומט נאָר פון... אונדז דריי, פון
מיר, פון מיין ברודער און פון אונדזער פריינד סעגאַן און
אַז ער האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער זשאַנדאַרן־
גרופּע... און ס'איז אַזוי, ווייל... מיר האָבן נישט די
פולשטענדיקע זיכערקייט, אַז צווישן זיי, צווישן די זשאַנ־
דאַרן, געפינט זיך נישט אַמאָל איינער, וואָס האָט אפשר
קאָנסערווירט אַ געוויסע פריינדשאַפט מיטן דאָזיקן פּאָ־
ליציי־איש־נאַצישן אויסוואורף, אַ פריינדשאַפט וואָס קען
אַמאָל זיין פאַטאַל און וואָס קען אַמאָל צו נישט מאַכן אונ־
דזער פּלאַן און דערפאַר טאַקע, קומט די איניציאַטיוו וועגן
דער אונטערנעמונג נאָר פון אונדז דריי און קיינער פון
די זשאַנדאַרן, טראָץ זייער אָנגעהערן צו אונדזער ווידער־
שטאַנד־גרופּע, וויסן פון גאָרנישט, ווי איר האָט עס ריכ־
טיק פאַרשטאַנען צו פרעגן — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ
געוויסער צופרידנהייט אין זיין שטים — און דערפאַר
נויטיקן מיר זיך אין אייער הילף און מיר פאַרזיכערן אייך
גלייכצייטיק, אַז אין פאַל פון אייער מסכים זיין זיך צו
באַטייליקן אין אַדורכפירן אונדזער אונטערנעמונג, וועט
אייער הילף נישט זיין צופיל קאָמפּליצירט. דאָס ליקווי־
דירן דעם פאַרשוין וועט זיין אויסשליסלעך אונדזער אַר־
בעט — האָט ער מיר דערקלערט, ווייזנדיק אויף זיך און
אויף זיין ברודער — וואָס אַנבאַלאַנגט אונדזער פריינד
סעגאַן, האָט ער פון זיין זייט, שוין געטאָן אַלץ וואָס איז
געווען נויטיק פאַר דער דאָזיקער זאַך און בעת אונדזער
אָפּוועזנהייט, האָט ער אויך דאָ, אויפן אָרט, אויסצופירן
אַ באַשטימטע מיסיע.

הערנדיק די רייד פון עלטערן ברודער דאַנזאַס, אַז

די דריי פראַנצויזישע מענטשן האָבן נישט קיין צוטרוי צו זייערע חברים, די שטעטלדיקע זשאַנדאַרן, פאַר ווע־מען זייער פּלאַן וועגן ליקווידירן דעם פראַנצויזיש־נאַצישן פּאָליצײַ־שעף, איז אַ סוד. האָב איך דערפילט אויפ־גיין אין מיר אַ זייער גרויסע צופרידנקייט, אָבער איך האָב אויך דערפילט (איך בין מיך מודה), אַ געוויסע אינערלעכע אומרואיקייט אין שייכות מיט זייער ווענדונג צו מיר מכוח זיי העלפן אין זייער פּלאַן. אין וואָס דאַרף באַשטיין מיין הילף? וואָס דערוואַרטן זיי פון מיר? וואָס פאַראַ ראָלע האָב איך דאָ אויסצופירן? אָבער טראָץ מיין נישט וויסן נאָך וואָס זיי ווילן און דערוואַרטן פון מיר, איז מיר אָבער אויף קיין איין רגע אפילו נישט געקומען דער געדאַנק מכוח אָפּהאַלטן זיך פון מיטהעלפן, בפרט נאָך, אַז כ׳האָב געהערט וועגן אַזוי שווער צעשלאָגענע און צווישן זיי אויך וועגן צוויי יידישע ווידערשטענדלער, וואָס ראַנגלען זיך פאַר זייער לעבן אין דער שפּיטאָל־טורמע אין אָש.

כ׳האָב מיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אויסדריקן זיי מיין צופרידנהייט, וואָס זייער פּלאַן איז אַן אונטער־נעמונג וועגן וועלכער עס וויסן נישט זייערע ווידערשטאַנד־חברים, די לעקטורער זשאַנדאַרן און זיי פאַרזיכערט אַז כ׳וועל טאָן אַלץ וואָס זיי דערוואַרטן פון מיר און זיי גלייך געבעטן מיר זאָגן, איבערגעבן, אויפקלערן אין וואָס עס דאַרף באַשטיין מיין הילף?

כ׳האָב דיר געזאָגט — אַז מיסיע שאַרל וועט אונדז העלפן — האָט דער עלטערער ברודער, דער האָטעל־אייגנ־טימער, אַ צופרידענער, אַ זאָג געטאָן צו זיין ברודער. ער האָט אַביסל נעענטער זיך צוגערוקט צו מיר און נאָך אַ ווייל שווייגן, געזאָגט:

— יאָ, אונדזער באַשלוס צו ליקווידירן דעם נאַצי־שעף, באַשעפטיקט אונדז שוין מערערע וואָכן. אָבער די שוועריקייט ליגט קודם כל אין ווו אים געפינען? מיר קענען זיך דאָך נישט „אַרומדרייען" אַרום דער פּאָליציי־צענטער אין אָש און וואַרטן דאָרט אויף אַ... מאָמענט פון זיין אַהינקומען. אָבער אַ דאַנק די זוכערייען פון אונדזער פריינט סעגאַן, ווייסן מיר שוין וועגן אָרט ווו עס וווינט זיין... אַלטע מוטער. דאָס איז אַ 20־22 קילאָמעטער פון לעקטור. ביידע, איך און מיין ברודער זענען מיר שוין דאָרט געווען און זיך גוט באַקענט מיט דעם אָרט און פּלאַץ. די מוטער פון דעם אויסוווּרף וווינט דאָרט איינע אַליין, אין אַ הייזל וואָס געפינט זיך סך הכל, ביי אַ 25 מעטער פון שאָסיי. ס׳איז דאָרט זייער אַ שטיל ווינקל ווו עס געפינען זיך צעוואָרפן, נאָר איינצלנע הייזלעך און ס׳איז געבליבן, אַז איך און מיין ברודער זאָלן מיר זיך אַריינקריגן צו איר אין אַ פּאַרטאָג און וואָס עס זאָל דאָרט נישט געשען... מוזן מיר זיך דערוויסן, אַרויסקריגן פון איר דאָס אָרט ווו דער אויסוווּרף, איר זון וווינט, וואָרעם מיר ווייסן שוין איצט, אַז ער האָט אַ פרוי און צוויי קינדער.

ער האָט אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט מיטן אינפאָרמירן, אַ שלונג געטאָן אַביסל קאַפע און פאָרגעזעצט:

— און וואָס אַנבאַלאַנגט אייער הילף וועט זי באַשטיין אָט אין וואָס: בעת אונדזער אַריינדרינגען אין דער וווינונג פון דער קורווישער מוטער — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיך און זיין ברודער — וועט איר בלייבן אין דרויסן, אויפן שאָסיי און אויפפּאַסן צי עס באַווייזט זיך נישט אַמאָל פון איינע אָדער פון דער צווייטער זייט פון שאָסיי, אַ מאַשין, אַן אויטאָ, און אין פאַל ווען איר וועט באַמערקן אַזאַ זאַך,

דאָס באַווייזן זיך פון אַן אויטאָ, וועט איר אַ שטאַרקן פייף טאָן — ביי די ווערטער האָט ער אויפגערוקט דעם שופלעדל פון טיש ביי וועלכן מיר זענען געזעסן און אַרויס־גענומען אַ גרעסער מעטאַלן פייפל און עס מיר דערלאַנגט — פון דעם פייפל וועלן מיר גלייך דערהערן אייער סיג־נאַל, וואָרעם ס'איז שטענדיק מעגלעך עפּעס אַ שטערונג, אַ סיורפּריז... קיין הונדערט פּראָצענטיקע זיכערקייט אויף נישט געשטערט צו ווערן, איז דאָך קיינמאָל נישט פאַראַן... — האָט ער מיר ווי געגעבן צו פאַרשטיין, — איר וועט בלייבן אויפן וועג און אַכטונג געבן צי אַלץ אַרום איז שטיל און אין דעם וועט באַשטיין אייער הילף וואָס איז, ווי מיר גלויבן עס, נישט צו קאָמפּליצירט און מיר פון אונדזער זייט, וועלן טאָן אַלץ מעגלעכע אַרויס־צובאַקומען פון דער הונטישער מוטער איר זונס וווין־אָרט, כדי קענען וואָס גיכער רעאַליזירן די ליקווידאַציע פון דעם נאַצי.

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און גלייך פאָרגעזעצט:

— ווייסט איר שוין איצט אין וואָס עס האַנדלט זיך, וואָס מיר האָבן בדעה אַדורכצופירן און וואָס פאַראַ הילף מיר ווילן פון אייך. מיר קענען אייך נאָר זאָגן, אַז דעם נאַציס מוטער, וועט נאָך אונדזער באַזוכן איר, נישט האָבן מער קיין מעגלעכקייט צו אַלאַרמירן איר זון וועגן דעם פאָרגעקומענעם וויזיט... דאָס איז אונדזער פעסטער באַ־שלוס — האָט ער צוגעגעבן און ווידעראַמאָל זיך איבער־געקוקט מיט זיין ברודער וואָס האָט כסדר, אַ לייכט־שמייכ־לענדיקער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, באַשטעטיקנדיק אויף

דעם אופן, דעם ברודערס רייד און נאָך אַ ווײלע שווײגן, האָט ער מיך געפרעגט:

— איז קענען מיר רעכענען אויף אייך, אויף אייער מיטהילף?

נאָך דעם אַזוי אומגעריכטן דערוויסן זיך וועגן דער עקזיסטענץ אין אונדזער לעקטור־ראַיאָן פון אַזאַ מערדע־רישן פראַנצויזישן פאָליציי־שעף און וועגן דעם פּלאַן אים צו ליקווידירן, האָב איך דערפילט אַן אויפגייענדיקע צו־פרידנקייט פון דעם מיר פאָרגעשלאָגענעם אָנטייל אין דער אונטערנעמונג און מיך גלייך אָפּגערופן:

—אוודאי קענט איר אויף מיר רעכענען! כ׳בין גרייט און וועל וואַרטן אויף אייער רוף! ווען מיינט איר — האָב איך געפרעגט — וועט איר דאַרפן מיין הילף?

— מיר ווילן נישט און מיר טאָרן עס אויך נישט פאַרציען — האָט מיר דער עלטערער דאַנזאַס אויפגע־קלערט — יעדער טאָג ברענגט פרישע קרבנות און אויב איר זענט מסכים, וועט עס געשען שוין מאָרגן, פאַרטאָג!

טראָץ מיין צופרידנהייטס־געפיל פון קענען העלפן און זיך באַטייליקן אין דער געפּלאַנטער אונטערנעמונג, האָב איך, דערהערנדיק אַז דאָס דאַרף געשען שוין מאָרגן פאַרטאָג׳ס, דערפילט אַ באַשטימטע צעטרײדערונג; כ׳האָב מיך אָבער גלייך באַהערשט, געטראַכט אַ ווײלע און גע פרעגט:

— איז ווען אומגעפער, אין וועלכער שעה דאַרפט מיר, לויט אייער מיינונג, זיך לאָזן אין וועג אַריין?

— מיר דאַרפן אַוועק פון לעקטור אום 5, יעדנפאַלס, נישט שפּעטער פון האַלב זעקס אינדערפרי — האָט זיך דער יינגערער דאַנזאַס אָפּגערופן — ס׳איז די פּאַסיקסטע

צייט, ווען מען טרעפט כמעט קיינעם נישט אויף די וועגן.

כ'האָב געטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט:

— דאַרף מען דאָך עפּעס טאָן כדי זיך אויפצוועקן צו דער צייט, נישט פאַרשלאָפן... כ'זאָג עס, כדי אפשר אויסמיידן דאָס באַנוצן זיך אין דער אַזוי פריער שעה מיט אַ קלינגנדיקן וועק־זייגער, אַ זאַך וואָס קען אַמאָל געהערט ווערן דורך אַ שכן, נישט ריכטיק?

— ריכטיק, זייער ריכטיק — האָט דער ייִנגערער דאַנזאַס באַשטעטיקט מײַנע רייד — באַנוצט נישט קיין וועק־זייגער, איך וועל אָנקלאַפּן אין אייער פענסטערל (ער האָט געקענט מײַן קליין, נישט אָפיציעל וווינונגל) אום 5 פאַרטאָג און וואַרטן אויף אייער אַרויסקומען.

ס'איז געווען אומגעפער אַרום זיבן אָוונט אַז כ'האָב מיך ווידער געפונען ביי מיר אין שטוב און דערציילט מײַן פרוי, אַז איינער פון די ברידער דאַנזאַס האָט מיר פאַרגעשלאָגן מיטצופאָרן מיט אים מאָרגן פרי אין אַ נישט ווייטער פערם, וווּ כ'וועל קענען איינשאַפן אַ ריי נויטיקע שפּייז־אַרטיקלען און נישט טייער — און כדי נישט אַרויסצורופן קיין וועלכן ס'איז וווּנדערן זיך, האָב איך צוגעגעבן — ס'מוז געשען זייער פרי, פאַרטאָגס, ווייל ער מוז וואָס פריער זיין צוריק אין האָטעל.

נאָכן האָבן אָפּגעגעסן אונדזער באַשיידן אָוונט־ברויט, האָב איך פּרובירט לייענען, ס'איז אָבער געווען אומזיסט. דער אומגעריכטער באַזוך ביי די ברידער דאַנזאַס, דאָס אַרײַנפירן מיך אין זייער פּלאַן און דאָס אַקצעפּטירן מײַן אָנטייל, האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ גאָר גרויסע צופרידנהייט פון ווידער קענען עפּעס טאָן, צולייגן אַ האַנט קעגן די נאַציס וואָס האָבן זיך אויסגעשפרייט איבער אייראָפּע

און ווילדעווען אויך איבער אונדז יידן. כ׳האָב געטראַכט וועגן מיין נישט ווייטער אַקטיוויטעט אין אַ יידישער ווי־דערשטאַנדס־גרופּע אין פּאַריז, געשאַפן שוין אין חודש מאַי 1941, גלייך נאָכן אינטערנירן דאָן, די ערשטע פינף טויזנט יידן אין די נישט ווייטע פון פּאַריז, געשאַפענע לאַגערן אין די שטעטלעך פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד. ס׳איז געווען אַן אַקטיוויטעט וואָס איז באַשטאַנען נאָר אין פּובליצירן אין פראַנצויזיש, אַנטי־נאַצישע בלעטלעך קעגן די יידן־פאַרפאָלגונגען און קעגן נאַציזם בכלל, בלעטלעך (פון וועלכע איך בין געווען דער מחבר) און וועלכע מיר האָבן דאַן (אַ צאָל פון אַכט חברים), פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן, אַריינוואַרפנדיק זיי אין אַלע פּאָסט און בריוו־קעסטלעך און אויך אונטערגעוואָרפן אין מערע־רע טויערן פון באַוווינטע הייזער. די דאָזיקע יידישע גרו־פּע וואָס איז געווען אַקטיוו אָנהויבנדיק פון חודש מאַי 1941 ביז סוף אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, ווען איך און נאָך דריי חברים זענען אַוועק אין נישט אָקופּירטן פראַנקרייך, איז אפשר געווען פון די סאַמע ערשטע ווידערשטאַנדס־גרופּן, אָדער טאַקע די סאַמע ערשטע ווידערשטאַנדס־גרופּע אין יענע טעג אין פּאַריז.

כ׳האָב געטראַכט וועגן די אַנגייענדיקע מלחמה־גע־שעענישן וואָס וועלן מסתמא זיך אויך אָפּשפּילן אין פראַנקרייך ערב דער ענדגילטיקער מפּלה פון די דייטשן, מלחמה־געשעענישן וואָס האָבן אַזוי שפּעט אויפגעוועקט די פראַנצויזן צום קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט און אויך וועגן די דריי פראַנצויזישע מענטשן פון שטעטל לעקטור וואָס האָבן זיך דעצידירט אויף ל׳יקווידירן אַ פראַנצויזישן נאַצי אָן דעם, אַז די זשאַנדאַרן פון זייער ווידערשטאַנדס־

גרופּע זאַלן עפּעס וויסן וועגן זייער פּלאַן, צו וועמענס רעאַליזירן כ׳האָב איצט צוגעזאָגט מיין באַשיידענע מיט־הילף.

ס׳איז שוין געווען שפּעט. כ׳האָב פּרובירט איינשלאָפן וואָס ס׳איז מיר אָבער נישט לייכט אָנגעקומען. כ׳האָב מער געדרימלט ווי געשלאָפן, ביז כ׳האָב דערהערט אַ לייכטן זייער לייכטן קלאַפּ אין פענצטערל. ס׳איז געווען פּונקט פינף פאַרטאָג.

אין אייניקע מינוטן אַרום בין איך געווען גרייט. כ׳האָב אויף דער גיך אויסגעטרונקען אַ הייסע קאַפּע וואָס כ׳האָב געהאַט גרייט אין אַ וואַרם־פלאַש, פאַרוואָרפן איבער אַן אַקסל, אַ לייכט לייוונט זעקל אין וועלכן כ׳האָב געהאַט אָנגעגרייט עפּעס צו עסן און כ׳בין אַרויס פון שטוב. כ׳האָב מיך גלייך געפונען נעבן מיין וועלאָסיפּעד וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן, אָנגעשלאָסן הינטער אַ דעכל ביי מיין טיר. אין דער נאָך טונקעלער שעה האָב איך דערזען דעם יינגערן דאַנזאַס, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר. שטיי־ענדיק אָנגעשפּאַרט אויף זיין וועלאָסיפּעד. ער האָט מיך באַגריסט מיט אַ האַנט־באַוועגונג און אָן אַ וואָרט, אַרויף אויפן וועלאָסיפּעד, אָנגעהויבן פאָרן, און איך, אַביסל אָפּ־גערוקט, בין לאַנגזאַם אים נאָכגעפאָרן.

דאָס שטעטל לעקטור ליגט אויף אַ צוויי הונדערט מעטערדיקער הויך. דער יינגערער דאַנזאַס האָט אָנגע־הויבן פאָרן באַרג אַראָפּ און איך וואָס האָב מיך געפונען אַ 20־25 מעטער הינטער אים, בין אים כסדר נאָכגעפאָרן.

אַראָפּקומענדיק פון באַרג האָבן מיר זיך שוין געפונען אויף אַ פיל ברייטערן וועג. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן עט־וואָס ליכטיקער. פּלוצים האָב איך דערזען דעם יונגן דאַנ־

זאָס זיך אָפּשטעלן און וואַרטן אויף מיין דערנענטערן זיך. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט און אַביסל פאַרוואונדערט געפרעגט, למאי איך זע נישט זיין עלטערן ברודער?

— מיין ברודער וואַרט אויף אונדז אייניקע קילאָמעטער ווייטער, טאַקע דאָרט וווהין מיר פאָרן — האָט ער מיר אויפגעקלערט — ער איז אַוועק אַביסל פריער, כדי מיר זאָלן נישט זיין אַלע צוזאַמען. אויב אָבער איך האָב מיך איצטער אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף אייער דערנענטערן זיך, איז עס אַזוי צוליב אַ וויכטיקן ענין — ער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, מיר מאָדנע געקוקט אין די אויגן אַריין און נאָך אַ קורצן שווייגן, זיך אָפּגערופן:

— הערט מיין ליבער, דאָס וואָס מיר האָבן אונטערגענומען איז ווי איר דאַרפט עס פאַרשטיין, ערנסט, זייער ערנסט, איר האָט טאַקע מסכים געווען אונדז צו העלפן, אָבער צי גיט איר זיך אָפּ, אַ געגנוגנדיקן חשבון וועגן דער ערנסטקייט פון דער אונטערנעמונג? אפילו נאָר פון דעם וואָס מיר פרווון איצט טאָן? איז דעריבער וויכטיג איר זאָלט האָבן ביי זיך אָט־אָ דאָס — און אין זיין האַנט האָט זיך באַוויזן אַ קליינער שוואַרצער ברויינינג — מיר ווייסן דאָך אַז איר קענט, אַז איר באַהערשט דעם דאָזיקן אינסטרומענט — האָט ער צו מיר גערעדט — איז נעמט אים צו זיך! לייגט אים אַריין אין אייער זעקל, איר קענט זיך אין אים אפשר נויטיקן... און געדענק — האָט ער מיך פלוצים אָנגעהויבן דוצן — אַז ער איז געלאָדן און גרייט גלייך באַנוצט צו ווערן... אויך איך און מיין ברודער — האָט ער צוגעגעבן — האָבן מיר ביי זיך געווער, נעם, נעם אים צו זיך.

בעת מיינע פריערדיקע אָפטע שמועסן אין האָטעל ביי די ברידער דאַנזאָס, איז מיר אויסגעקומען זיי צו דער־ציילן וועגן געוויסע אַדורכגעמאַכטע איבערלעבונגען מיינע בעת מיין זיין אין די מלחמה־יאָרן 1919 — 1922 אין פּוי־לישן מיליטער און זיי האָבן געוווסט אַז איך באַהערש דעם רעוואָלווער־מכשיר און ווען זיי האָבן מיר אַ געוויסן טאָג אויך אַנפּאַרטרויט דעם סוד וועגן זייער אָנגעהערי־קייט צו דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין וועלכער זיי האָבן, ווי שוין דערציילט, מיך געוואָלט אַריינציען, האָבן זיי אַ געוויסן אָוונט, מיר אויך געוויזן דאָס פיין פאַרמאַס־קירטע באַהעלטעניש אין האָטעל גופא, ווו זיי האַלטן גע־ווער און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, האָבן זיי אויך געזען מיין אופן פון נעמען אייניקע רעוואָלווערן אין האַנט אַריין און באַטראַכטן זייערע סיסטעמען האָבן זיי זיך אי־בערצייגט אַז איך קען טאַקע און באַהערש דעם אינסטרו־מענט. ביים פאַרשלאָגן מיר נעכטן אָוונט, זיך אָנצושליסן אין דער אונטערנעמונג צו וועלכער מיר זענען איצט גע־פאָרן, האָבן זיי אָבער מיר נישט געזאָגט מיט קיין איין וואָרט אפילו, וועגן דער וויכטיקייט פון האָבן ביי זיך גע־ווער און דערהערנדיק פון אים איצט, די אַזוי אומגעריכטע רייד, אַז עס קען אַמאָל זיין נויטיק דאָס האָבן ביי זיך גע־ווער און דערזעענדיק דעם מיר אַזוי אומגעריכט דערלאַנגטן ברויניננג און הערנדיק זיין זאָג, אַז ער איז געלאָדן, גרייט צו באַנוצן אים, האָב איך אויף אַ מאָמענט דערפילט אַ געוויסע פאַרלוירנקייט...

ערשט איצט האָב איך פאַקטיש אָנגעהויבן רעאַלי־זירן די גאַנצע ערנסטקייט פון דעם דורך מיר אָקצעפּ־טירטן שריט.

כ׳האָב מיך אָבער גיך באַהערשט. גענומען דעם רע־וואָלווער, אים אַריינגעלייגט אין מיין זעקל וואָס איז גע־האָנגען ביי מיין רעכטער זייט און געוואַרט אויף אונדזער לאָזן זיך אין וועג, וואָרעם די צייט איז נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט, אַ חוץ דעם וואָס מיר האָבן אויך געדאַרפן אויסהיטן זיך פון וואָס ווייניקער געזען ווערן צוזאַמען.

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן מער ליכטיקער. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר שטילע, פעלדער אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען אַ קליינע צאָל ווייט פון איינאַנדער צעוואָרפענע הייזלעך און נאָך אַ 15 — 20 מינוט פאָרן האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם עלטערן דאַנזאַס, וואָס האָט געוואַרט אויף אונדזער קומען, זיצנדיק אויף אַ שטיין ביי אַ בוים. איך האָב געזען אויף זיין פּנים אַ צופרידנהייט פון זען אונ־דזער קומען און פון אַ באַרואיקנדיקן האַנט־צייכן פון זיין ברודער, פון וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, ד. ה. אַז כ׳האָב אַקצעפּטירט דאָס האָבן ביי מיר דעם רעוואָלווער, אַז כ׳גיי אָן מיט דער אויף זיך גענומע־נער פליכט.

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו זעקס אַ זייגער.

גלייך נאָכן געבן מיר זיין האַנט האָט דער עלטערער דאַנזאַס מיר דערלאַנגט דאָס נעכטן מיר געוויזענע מעטאַ־לענע פּייפערל. מיר האָבן זיך טאַקע איצט געפונען אויפן אָרט ווו איך האָב געדאַרפן בלייבן און אַכטונג געבן אויף ביידע זייטן פון דעם ווייט זיך ציענדיקן שאָסיי. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ נישט ווייט הייזל וואָס האָט זיך גע־פונען אַ צוויי־דריי צענדליק מעטער פון וועג, צוגעבנדיק:

— דאָ, אין דעם הייזל וווינט עס טאַקע די הינטישע מוטער. אַלזאָ, איר בלייבט דאָ, אויפן וועג. פון דאַנען וועט

איר אויפפּאַסן אויפן שאָסיי, צי עס באַווייזט זיך נישט, פון דער אָדער אַנדערער זייט עפּעס אַ מאַשין און אויב יאָ, וועט איר צוויי־דריי מאָל אַ שטאַרקן פייף טאָן, מיר וועלן עס הערן און זיין גרייט צי עס איז נישט אַמאָל עפּעס אַ נישט געווינטשענער סורפּריז, אָבער אין אַזאַ פאַל, זאָלט איר גופא, מיסיע שאַרל, זיך אַריינרוקן צווישן די ביימלעך וואָס געפינען זיך דאָ, כדי נישט באַמערקט צו ווערן דורך דעם אַדורכפאָרער.

כ׳האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז כ׳פאַרשטיי מיין אויפגאַבע און מיך געשטעלט ביי דער זייט פון וועג, מיט דער פּלייצע צו די ביימער.

— נו, צו דער אַרבעט — האָט מיט אַ זייער ערנסט פּנים, אַ זאָג געטאָן דער עלטערער ברודער און ביידע האָבן זיי פּאַמעלעך אָנגעהויבן שפּאַנען און זיך דערנענטערן צום הייזל, פּירנדיק מיט זיך זייערע וועלאָסיפּעדן.

כ׳האָב געזען דאָס אָוועקלייגן די וועלאָסיפּעדן אויף דער ערד, בעת זייער געפינען זיך האַרט ביי דעם הייזל און איידער וואָס און ווען האָב איך זיי שוין מער נישט געזען און פאַרשטאַנען אַז זיי געפינען זיך שוין אינעווייניק, ביי יענער פרוי פון וועלכער זיי ווילן זיך דערוויסן ווו עס וווינט איר זון, דער פראַנצויזישער נאַצי.

כ׳בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין מיין וועלאָסיפּעד און געקוקט פיל מיט שפּאַנונג אין יענעם הייזל און פּרו־בירט מיר פאָרשטעלן וואָס עס קומט דאָרט פאָר; וועט עס זיי געלונגען אַרויסצובאַקומען דעם געזוכטן אַדרעס ? איר אייגענער גורל איז מיר געווען קלאָר ... אַז דאָס זענען אירע לעצטע לעבנס־מאָמענטן, כדי זי זאָל נאָך דעם באַ־זוך ביי איר, נישט קענען קיינעם אַלאַרמירן און בכלל

אויך נישט קענען איבערגעבן וועלכע ס׳איז איינצלהייטן וועגן די פּאַרטאָגיקע באַזוכער.

אַרום האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט. דער שאָ־סיי איז כסדר געווען ליידיק, אָן וועלכע ס׳איז אַדורכפאָ־רער. מיין נייגיריקייט צו וויסן וואָס עס געשעט דאָרט אין

הייזל איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט; „ווי לאַנג וועט עס דויערן דאָס אויפהאַלטן זיך דאָרט פון די ברידער דאַנזאַס ?״ האָב איך מיך געפרעגט און „וועט עס זיי גע־לונגען אַרויסצובאַקומען דעם געזוכטן אַדרעס פון איר זון?״

די זאַך, האָב איך געזען, קומט זיי שוין ווייט נישט אָן אַזוי לייכט.

פּלוצים האָב איך דערפילט אַ שווערע האַנט אָנכאַפּן פון אונטן מיין קראַגן מיט אַזאַ כוח, אַז עס האָט מיך ממש אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז און כ׳האָב דערהערט אַ ברו־טאַלע שטימע:

— וואָס טוסטו דאָ, וואָס? אויף וואָס וואַרטסטו דאָ?

און פון מיין לינקער זייט האָב איך דערזען דעם אָנכאַפּער, אַ פולן קרעפטיקן מאַן פון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק, אָנ־געטאָן אין אַ קורצן פוטער, פאַרצויגן מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק און אין שטיוול אויף זיינע פיס און צו מיין גרוי־סער איבעראַשונג איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כ׳האָב פאַר מיר אַ פּאָליציי־מאַן אָדער אַ זשאַנדאַר. זיין שטייפקייט, זיכערקייט און ברוטאַליטעט וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין רויט אָנגעצונדענעם פּרצוף און ד׳ אויף מיר שווער אָנגעשפּיצטע אויגן, האָבן מיר, צו מיין איבעראַשונג קלאָר געמאַכט, אַז כ׳בין מיך נישט טועה, אַז כ׳געפין מיך טאַקע אין די לאַפּעס פון אַ ברוטאַלן פּאָליציי־מאַן וואָס האַלט מיך שווער ביים האַלדז און שטיקט מיך.

דאָס אָנכאַפּן מיך אַזוי פּלוצים און דאָס האַלטן מיך מיט אַזאַ כוח, צונויפגעצויגן מיין קראַגן אַרום דעם האַלדז און דאָס ברוטאַלע, אייניקע מאָל איבערחזרנדיקע „וואָס טוסטו דאָ?״ האָט מיך שווער צערודערט און כ׳האָב אין די ערשטע רגעס פשוט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן, וואָס אים ענטפערן; אָבער אויף זיין פרישן געשריי און שווערן טרייסל פון זיין מיך שטיקנדיקער האַנט, האָב איך אויס־געשריגן:

— איך רו מיך אָפּ...

— אַזוי, דו רוסט דיך אָפּ? — האָט ער ווי געלאַכט פון מיר, נישט אָפּלאָזנדיק אויף קיין רגע דאָס האַלטן און שטיקן מיך ביים קראַגן — ביסטו הייסט עס אַ סך גע־פאָרן, זיך פאַרמאַטערט — האָט דער טיפּ ווי געחוזקט **פון מיר — דיינע פאַפּירן! — האָט ער ממש געשריגן —** דיינע דאָקומענטן ווייז אַהער!

ס׳האָט מיר אַלץ מער אָנגעהויבן קלאָר ווערן די סי־טואַציע; זיי, די ברידער דאַנזאַס געפינען זיך אין יענער הייזקע אָן צו וויסן וואָס עס געשעט מיט מיר. זאָל איך מאַכן אַ געוואַלד? אָנהויבן שרייען? כדי זיי זאָלן מיך דערהערן, שטעל איך אפשר איין, צוליבן טומל, די גאַנצע אונטערנעמונג וואָס איז אויסן אַ פּיל וויכטיקערע זאַך ווי מיין פּערזאָן. כ׳האָב אָבער גלייכצייטיק, נישט געקענט נישט טראַכטן וועגן דער ביטערקייט פון מיין סיטואַציע, וואָרעם אַלס אויסלענדער און ייד דערצו, האָב איך אין יענע טעג פון חודש מערץ 1944, נישט געטאָרט פאַרלאָזן מיין וווין־אָרט אָן אַ ספּעציעלן דאָקומענט פון די זשאַנ־דאַרן, וואָס דערלויבט מיר צו מאַכן וועלכע ס׳איז רייזע מחוץ דעם שטעטל, וואָרעם כ׳האָב מיך איצט געפונען אַ 20 — 22 קילאָמעטער פון לעקטור. דער ברוטאַלער פּאָ־ליציסט וועט דאָך מיך זיכער אַרעסטירן, אַ זאַך וואָס דראָט מיר מיט אַ ווייטערדיקער אינטערנירונג, אויב נישט דע־פּאָרטאַציע.

אין דעם מאָמענט האָב איך מיך דערמאָנט אין רע־וואָלווער וועלכן כ׳האָב אין מיין זעקל און אויב דער אויס־ווורף וועט מיך אַרעסטירן, וועט מען דאָך אין דער פּאָ־ליציי מיך באַזוכן און... געפינען דעם רעוואָלווער...

און ווען די האַנט פון ברוט האָט מיך ווידער אַ טרייסל

געטאָן, אויסשרייענדיק „דיינע פּאַפּירן ווו זענען ? דיין דאָקומענט ווו איז ?", האָב איך, אָננעמענדיק דעם וועלאָ־סיפּעד מיט דער לינקער האַנט, אַריינגעטאָן מיין רעכטע האַנט אין מיין לייוונטן זעקל, אַ זאַך וואָס האָט ביי דעם פּאַרשוין געשאַפן די אילוזיע פון קלויבן זיך אַרויסצונע־מען מיינע פּאַפּירן, לאַנגזאַם אָנגענומען דעם רעוואָלווער און טראַכטנדיק אַ רגע, וועגן דעם וואָס עס געשעט, אים שנעל אַרויסגענומען און האָבנדיק דעם פּאַרשוין פון מיין לינקער זייט, אַריינגעשאָסן אין אים, אין זיין ברוסט און האַרץ, אַלע קוילן וואָס האָבן זיך געפונען אין ברוינינג.

כ'האָב דערפילט אַ צאַפּל פון דער האַנט וואָס האָט מיך אַזוי שווער געהאַלטן ביים קראַגן און אַז זי לאָזט מיך אָפּ, אַז כ'ווער פון איר פריי און דערזען זיין פיגור זיך אַ וואַקל טאָן און גלייך דערנאָך איז ער מיט אַ טראַסק אַוועק־געפאַלן ביי מיינע פיס.

כ'בין געשטאַנען אַן איבעראַשטער פון מיין האַנד־לונג און נאָך באַוויזן צו זען אַ צאַפּל אויף זיין פּנים און גלייך אויך אָנגעהויבן זען דאָס באַווייזן זיך דורך זיין פּו־טער־מאַנטל טראָפּנס בלוט וואָס האָט אָנגעהויבן רינען אַלץ שטאַרקער און מאָדנע, טראָץ מיין אויפטרייסלונג, האָב איך אָנגעהויבן פילן אַ געוויסע פאַרלייכטערונג און אַ קוק געטאָן צום נישט וויטן הייזל, כדי וויסן ווי עס האַלט דאָרט מיט די ברידער דאַנזאַס און זיי דערזען אין דרויסן, קוקנדיק אין מיין ריכטונג, כדי וויסן, נאָך די געהערטע שיסעריי, וואָס עס איז געשען ?

כ'האָב געלאָזט פאַלן מיין וועלאָסיפּעד וואָס איז נאָך אַלץ געווען אָנגעשפּאַרט אין מיר און זיי געמאַכט צייכנס מיט ביידע הענט, רופנדיק זיי צו מיר.

זעענדיק מיך, אַז כ׳געפֿין מיך אויף מײַנע פֿיס, אַז כ׳לעב און געפֿין מיך כסדר אויפֿן זעלבן אָרט ווו זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט, האָבן זיי פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן דער־נענטערן און צוקומענדיק, האָבן זיי דערזען ליגן בײַ מײַנע פֿיס, דעם דערשאָסענעם פּאָליציי־מאַן.

אוודאי האָבן זיי, אַ חוץ הערן די שיסערײַ, נישט געוווּסט וואָס עס איז דאָ פֿאָרגעקומען, אָבער צוקומענדיק האָרט צום דערשאָסענעם, האָט דער יונגער דאַנזאָס אָנ־געהויבן שרײַען:

דאָס איז ער דאָך! ער,! Mais c'est lui, c'est lui! — ער! — און אַרויפֿגעפֿאַלן אויף מיר און מיך אָנגעהויבן קושן אָן אָפּהאַלט.

אויך דער עלטערער ברודער האָט מיך געדריקט צום האַרצן און געקלאַפּט אין דער פּלייצע מיט אַ „בראַוואָ״, בראַוואָ!״ און אין דעם מאָמענט האָבן זיי דערזען, אַז כ׳האַלט נאָך אין מײַן רעכטער האַנט דעם רעוואָלווער.

ס׳איז געווען אַ גליק און אויך צום שטוינען, וואָס טראָץ דער פֿאָרגעקומענער שיסערײַ, האָט קיינער, קיינער פֿון די נישט ווײַטע הײַזלעך זיך נישט באַוויזן אין דרויסן. אַפֿילו קיין פֿענצטערל איז נישט געעפֿנט געוואָרן. אַ זאַך וואָס איז זיכער געווען אַ רעזולטאַט פֿון מורא אין יענע טעג, נישט אַרײַנגעמישט צו ווערן און נישט צו לײַדן פֿון צוזאַמענשטויסן צווישן פּאָליציי און ווידערשטענדלער, וואָס האָבן זיך פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעשפּילט אין דער געגנט, פּונקט ווי אין גאַנצן לאַנד.

די צײַט איז נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט. ס׳איז שוין געווען גוט ליכטיק. דער יונגער דאַנזאָס האָט מיר

גלייך צוגענומען דעם רעוואָלווער און קלאַפּנדיק מיר אין דער פּלייצע, געאיילט:

— נעם דיין וועלאָסיפּעד און טראָג דיך אָפּ. וועסט פאַרקירעווען אין דעם ערשטן וועג רעכטס און דאָרט וועסטו גלייך געפינען דעם וועג קיין לעקטור, מאַך עס גיך און גוט, אָבער געדענק, — האָט ער מיט אַ פריילעכקייט אַ זאָג געטאָן — אין אָוונט, זאָלסטו זיין אין האָטעל!

כ'האָב אָנגעהויבן פאָרן, פילנדיק אַ גרויסע מידקייט. דער וועג איז צום גליק, כסדר געווען שטיל, כ'האָב נישט געהאַט קיין שום באַגעגענישן און אַרום האַלב אַכט אַזייגער בין איך ווידער געווען אין מיין וווינינגל און דערקלערנ־דיק אַז עס איז ליידער נישט געווען קיין פּאַסיקער טאָג אויף צו קומען אין דער פערם, האָב איך מיך צוריק אַריינ־וואָרפן אין בעט אַריין און טראָץ דער אָפּגעפילטער מידע־קייט, נישט געקענט שלאָפן. כ'בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויף דאָס ניי איבערגעלעבט אַלע איינצלהייטן פון די נאָר וואָס פאָרגעקומענע און איבערגעלעבטע אויפ־טרייסלונגען, אָבער ווער וואָלט זיך עס פאָרגעשטעלט, האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל עס גאָר זיין דער, וואָס וועט ליקווידירן דעם נאַצי? וועגן אַזאַ אויסגאַנג פון דער אונ־טערנעמונג, האָב איך אפילו אויף קיין איין רגע נישט געטראַכט. אין דעם מאָמענט האָב איך מיך געכאַפּט, אַז כ'ווייס דאָך אויך גאָרנישט וועגן דעם ווי אַזוי ס'איז פאַר־ביי דער וויזיט אין הייזל, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען און ווי אַזוי האָט זיך עס פאַרענדיקט?

כ'האָב מיך קוים דערוואַרט אויפן אָוונט און אום פינף אַ זייגער בין איך געווען אין האָטעל, ווו אַ חוץ די ברידער דאַנזאַס האָט מיך אויך אָפּגעוואַרט דער אייגנטימער פון

וועלאָסיפּעדן־געשעפּטל, דער ליבער סעגאַן. דאָס קעגנ־זייטיקע קושן און האַלדזן זיך האָט געדויערט לאַנג און דאַן האָבן מיר די ברידער דאַנזאַס איבערגעגעבן איינצל־הייטן פון זייער באַזוך אינעם הייזל, ביי דער מוטער פון דעם נאַצי, פון וועמען זיי האָבן אויף קיין שום אופן נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין וואָרט און אַז אפילו דאָס זוכן צווישן אירע זאַכן און פּאַפּירן איז געווען אומזיסט און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן איינזען דעם דורכפאַל פון דעם באַזוך, פון דער פּרובע זיך צו דערוויסן דאָס וווין־אָרט פון איר זון, האָבן זיי פּלוצים דערהערט די שיסעריי און געווען ביז גאָר צופרידן פון זען מיך אויף מיינע פיס, פון מיין רופן זיי און די נאָכקומענדיקע איבעראַשונג פון דערזען דעם געזוכטן אוממענטש ליגן אַ דערשאָסענעם ביי מיינע פיס.

טרינקנדיק אונדזער קאַפע און פאַרזוכנדיק אויך אַ גלעזל פון דעם גאָר פיינעם אַרמאַניאַק, האָב איך זיי דערציילט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אַ סוף מאַכן צום נאַצי, וועמענס שווערע האַנט כ׳האָב אַזוי אומגעריכט דערפילט דורכן אָנכאַפּן מיך פון אונטן ביים קראַגן, וועלנ־דיק וויסן וואָס איך טו אויף דעם אָרט און פאָדערנדיק מיינע דאָקומענטן און דאָ, האָב איך פּלוצים אַ פרעג גע־טאָן:

— איז וואָס איז געוואָרן מיט זיין מוטער?

דער עלטערער דאַנזאַס האָט זיך מאָדנע צעשמייכלט און דער יינגערער האָט זיך אָפּגערופן:

— פאַרשטיי, מיין ליבער, דער פאַרשוין איז דאָך געקומען אַזוי פרי, כדי זיך צו זען מיט זיין מוטער, נו,

געפינט זי זיך איצט אויך אין גן עדן... צוזאַמען מיט איר תכשיט!...

אין געציילטע טעג נאָך דער פאַרגעקומענער איבער־לעבעניש איז מיין ווייטערדיק זען זיך מיט די ברידער דאַנזאַס געוואָרן אוממעגלעך, ווארעם דעם 22־סטן מערץ 1944 האָט מען זיך אין מיר דערמאָנט, צושיקנדיק מיר, אויף מיין אָפיציעלן אַדרעס אַן „אָרדער פון אומקערן זיך" אין דער אַרבעטס־גרופּע נ. 541 פון שטעטל פלאָרענס. אין „אָרדער" איז געווען אָנגעגעבן, אַז קומענדיק, זאָל איך מיטברענגען מיט זיך 1) מיין באַגאַזש, 2) מיינע דאָקומענטן און 3) מיינע לעבנס־מיטל־קאַרטן, וואָס האָט דאַן באַדייט פאַר מיר... דעפּאָרטאַציע.

און כ׳האָב מער נישט געקענט זיך באַווייזן אין שטעטל.

נאָר איין מאָל זענען די ברידער דאַנזאַס וואָס זענען ביז גאָר געווען אַקטיוו אין ווידערשטאַנד, געקומען צו מיר אין מיין באַהעלטעניש, נאָר איין מאָל, ווארעם דעם 13־טן יולי זענען זיי צוזאַמען מיט זייער נישט אָפּטייל־באַרן חבר סעגאַן אומגעקומען אין קעיקסאָן (אין די פּי־רענעיען), דערהרגעטע דורך די דייטשן. נאָך דער פאַרענ־דיקטער מלחמה, האָט מען זייער איבערבלייבעניש גע־ברענגט קיין לעקטור, ווו זיי רוען אויפן דאָרטיקן קליינעם בית עולם.

אינהאַלט:

זײַט

אַ קניפּ אין באַק 7

די אינדיאַנער רינג 17

דאָס ליקווידירן אַ פראַנצויזישן נאַצי 39

דערשינען פון זעלבן מחבר:

ווּוהין פירט אונדז י. ל. פרץ — (1930)

נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע לואיזע — (1934)

אַלט פּאַריז — (1936)

אַ קול אין מדבר — דערציילונגען — (1936)

פרויען — דערציילונגען און איינאַקטערס — (1938)

דער טויט פון ישו אין ... פּוילן — (1945)

בריוו פון לעקטור — פיר יאָר נאַצי־הערשאַפט אין פראַנקרייך — (1947)

אַלט פּאַריז — פאַרגרעסערטע אויסגאַבע — (1948)

אַ גאַסט פון יענער וועלט — (1945)

ראַשעל — איר קונסט, איר לעבן, איר יידישקייט — (1958)

פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן — (1965)

יידן אין פּאַריז — ערשטער באַנד — (1970)

„פון דער און יענער וועלט" — (1974)

יידן אין פּאַריז — צווייטער באַנד — (1981)

Imprimerie IM.PO., 75010 Paris
Avril 1982